# א ו י ס ג אַ ב ן
## פון דער אידישער סעקציע באַם פאָלקאָמבילד, בערלין

1) י. לעשטשינסקי —
„דאס אידישע עקאָנאָם. לעבן אין דער אידישער ליטעראַטור״ העפט I

2) מ. מאַרגאָלין —
„מאיסעלעך פאַר קליינינקע קינדערלעך״ העפט I

3) 〃 〃 〃 〃 〃 II

4) 〃 〃 〃 〃 〃 III
אַלע דריי העפטן אילוסטרירט פון י. ב. ריבאַק.

5) ל. קוויטקאָ —
„אוקראינישע פאָלקמאיסעס״

6) 〃 〃 „ווײַסרוסישע פאָלקמאיסעס״
ביידע ביכלעך אילוסטרירט פון ל. ליסיצקי.

7) זאַמלבוך „גייענדיק״ —
דער נסתר, ל. קוויטקאָ, מ. ליווּשיץ.


BUCHVERLAG „KNIGA"

BERLIN W. 62

Kurfürstenstr. 79.

פנחס בן מנחם הכהן

ער נסתר

# נ ײַ ־ ג ײַ ס ט

## א׳

··· אין יאָר פינף טויזנט זעקס הונדערט אַכציק פון דער וועלטרעכענונג, וואָס מיר רעכענען, און אין יאָר טויזנט אַכט הונדערט פופציק איינס נאָך אונזער פאַרטריבנווערן־ציילונג, וואָס מיר ציילן, און איינצקע יאָר נאָך אונזער נײַ־נעוואוע, בין איך, פּינכעס, דער זון פון מענאַכעם דעם קויהען, אין איינעם אַ באַנאַכט אַמאָל אין הימל אויפגעגאַנגען, אָנגעקומען און אין גאָטס אַ הויז, אין אַן אַלטן און ווי אין אַ מישקן אַן אַמאָליקן זיך געטראָפן. אַרײַנגעגאַנגען, און פאַר אים, און פאַר וואָס ס׳קומט פאָר אין אים, זיך פאָרגעשטעלט. 1851

און דערזען האָב איך אין יענעם הויז פון גאָט און אויף זיין שוועל שטיל שטייענדיק, ווי דרעמלענדיק און אַלטלעך האָט אַ וואָלקן די שטוב און דעם גאַנצן כאָלאָל דאָרטיקן אָנגעפילט. און אַלט איז דאָס הויז געווען, און אויך דער וואָלקן האָט ווי פאַרעלטערט אויסגעזען, און ווי פונלאַנג, אַז ער ליגט און שטענדיקט דאָרט, און שוין אַ צייט, אַז ער איז נישט אַרויס און זיך נישט אָפּגעטאָן פון הויז, האָט ער דאָס גאַנצע געבײַ, זײַן לײַנג און זײַן ברייט, פאַרפולט. איז דאָרטן נאַכט און שלעפעריק געווען, און אינאַזײַט און אין אַ ווינקל איינעם איז אַ ברענענדיק לעמפּעלע און וואָס באַשטענדיק ברענט דאָרט געשטאַנען, און דאָס לעמפּעלע האָט שוואַך דאָס ווינקל באַלויכטן, און די שיין פון דעם האָט נאָך שוואַכער אַפן גאַנצן געבײַ און אַף זײַן שלעפערדיקייט געצאַנקען···

האָב איך דאָך דערזען פאַר דער שײַן, ווי בײַ אַ מיזבייעך, וואָס איז באַדערזײַט געשטאַנען, בײַ אַן אויסגעלאָשענעם און אָפּגעקילטן אינדערנאַכט, איז אַף אַ טרעפּ אַף איינער און באַם באָדן הינטן, אַ קויהען, אַ נאַכטישער און אַ דאָרט נעכטנדיקער, געזעסן. און געשלאָפן איז דער קויהען, און זײַן קאָפּ איז אים געווען אַף דעם ברוסט אַראָפּגעלאָזט, און אין שטיל־דרימל איז ער פאַרטאָן געווען, און זיינע קליידער האָבן אים דעם קערפּער און זיינע פיס געדעקט. און נישט דערקענען האָט מען זיין אויסזען געקאָנט, און אויך זיין פּאָנים נישט צו זען, און ווי אַלט איז ער, און וויפיל איז אים — נישט צו וויסן. איז ער אַזוי שטיל געזעסן, און גאָטס הויז און גאָטס נאַכט מיט זיין קערפּער און מיט זײַן שלאָף באַוואַכט. האָט זיך דאַן פון דער מיזרעכזײַט און פון אונטער דעם פאָ־

ניי־נשמה

מישכן

טאַלקן

טע

גויכאַיש

לעמפּעלע

אויסגעלאָשענעם מזבח

כהן

רויכעס אַפּיר, אַ קאָל דערהערט, אַ שטילס און אַ וואַכנדיקס, און אַליין ווי נאָרוואָס אויפשטייענדיקס, און צום קויהען גערופן, האָט עס אויסגערופן און אַזוי געזאָגט:

— שטיי אויף, יישמאָעל קויהענגאָדל, האַלבע נאַכט איז שוין פאָריבער, און די נאָך האַלבע קומט אָן שוין, און דער מיזבייעך, און דער אויסגעלאָשענער וואַרט אַף דיר, און אַף דײַן אַוואוידע דער נאָכהאַלבנאַכטיקער.

האָט דער קויהען דערהערט דאָס קאָל, האָט ער דעם קאָפּ פאַמעלעך פון שלאָף אויפגעהויבן און נאָך פאַמעלעכערן זײַנע אויגן פון פאַרמאַכטקײַט אויפגעמאַכט. האָט ער זיך פון דער טרעפּ אויפגעשטעלט, און זײַן אויער צום אָרט, פונוואַנעט דאָס קאָל איז געקומען, אָנגעשטעלט, און ווי אַף ווײַטערדיקן און ווי אַף אַ צווייט מאָל רופן געוואַרט. האָט זיך דאָס קאָל נישט וואַרטן געלאָזט. און ווידער איז דאָס פון אונטער דער פאָרויכעססזייט אפירגעקומען, און נאָכאַמאָל האָט זיך עס פון דער פאַרשטעלטקײַט אַפן גאַנצן מישקן דערהערט; האָט עס גערופן און נאָכאַמאָל געזאָגט:

— יישמאָעל קויהענגאָדל, גיי צום מיזבייעך צו און צינד אַף אים פײַער אָן, ווײַל די צייט פון מיזבייעך איז געקומען, און דער מיזבייעך וואַרט שוין אַפן פײַער.

האָט שוין נישט געוואַרט מער יישמאָעל קויהענגאָדל. האָט ער צום מיזבייעך גענענט און אַף אים געטאָן, וואָס געטאָן: אַף אים פײַער אָנגעצונדן און אויסגעוואַרט, און ביז ס׳האָט זיך צעברענט דאָס פייער, דערנאָך דערויף רויכערוואַרג געגעבן, און ער האָט געקוקט און אַכטונג געגעבן אַף דעם אויפגעגעבענעם. האָט זיך צעברענט און גערויכערט אַפן מיזבייעך, און יישמאָעל קויהענגאָדל האָט געזאַמט און די גאַנצע צײַט געקוקט דערויף, דערנאָך פון דאָרט די אויגן צוגענומען און זיי אַף דער טיר אויפגעהויבן, און מיך אַף דער שוועל שטיין דערזען. האָט ער מיך די ערשטע ווײַלע באַטראַכט פאַרוואונדערט, און נאָך דער ערשטער ווי שוין היימישער, און נאָך דער צווייטער — האָט זיך שוין צו מיר און צו מיין פונווײַטן שטייענדיקײַט געווענדט. האָט ער מיך צוגערופן און מיר אַזוי געזאָגט:

— קום אַהער און גיי פון דעם שוועל אַראָפּ, קום אַרײַן און טרעט דעם מישקן אַריבער.

האָב איך אים געפאָלגט: בין איך פון דער שוועל אַראָפּגעגאַנגען און צום מיזבייעך גענענט, און איך האָב זיך פאַר אים אָפּגעשטעלט. און ער האָט זיך באַ מיר דערפרעגן גענומען: „ווער בין איך, און וואָס דאַרף איך, וואָס טו איך דאָ, און ווער האָט מיך געבראַכט אַהער?“

האָב איך אים געענטפערט: „אַ יונגער און אַ קויהען, און פון די זין פון די קויהאַנים בין איך, און מיט דער הילף פון מײַן צײַט און פון נײַ־נעוואוּע, בין איך אויפגעבראַכט אַהער.“



האָט ער מיך אויסגעהערט, און דאַן אָפּגעגאַנגען פון מיר. איז ער צום אָרן און צום פאָרויכעס צוגעגאַנגען און באַ איינעם אַווינקל זיך געשטעלט, זיך אָהעקגעשטעלט און שטיל דאַן מיספּאַלעל זײַן גענומען: לאַנג פאַר דער האַלבער נאַכט דער שוין אַוועקגעגאַנגענער, און נאָך לייגער פאַר דער אַנדערער, דער ערשט אָנקומענדיקער, און שטיל און פאַרן פאָרויכעס אַזוי שטייענדיק, און נאָך שטילער — און צו אַ ברעג פאָרויכעס מיט זיין פאָנים געווענדט — האָט ער אַזוי לאַנג פון דאָרט נישט צוגענומען דאָס פאָנים, און שטיל און אַזוי לאַנג און געזאַמט זיך אין טפילע. האָט זיך דאַן ווידער און פון אונטערן פאָרויכעס אַפיר דאָס קאָל דערהערט, דערהערט און ווידער גערופן:

— פאַרענדיק, יישמאָעל קויהענגאָדל! לאָז די טפילע איבער און קערעווע זיך צום מישקן אויס, קערעווע זיך אויס אַהין, און אין דעם קויהען, און וואָס ער וואַרט אַף דיר, דערמאָן זיך.

האָט זיך יישמאָעל קויהענגאָדל אויפגעכאַפּט פון לאַגגן אין טפילע־פאַרטיפט זײַן, האָט ער זיך אויסגעדרייט, און צו מיר, און צו מײַן אַף אים־וואַרטן צוגעגאַן. צוגעגאַן און אַזוי געזאָגט:

— זײַ מיר מויכל, קויהען, וואָס איך האָב אין דיר און אין דײַן זײַן־דאָ פאַרגעסן, דאָס האָב איך אַף דיר און אַף דײַן מאָרגן מיספּאַלעל געווען. און איצט, און קום אַרויס מיט מיר, און איך וועל דיר דײַן נאַכט, און ביז דײַן מאָרגן ווײַזן.

און דאָ האָט מיר יישמאָעל קויהענגאָדל אַף אים נאָכגיין אַ וואונק געגעבן, און ער האָט זיך פון מישקן אַרויסגיין געלאָזט, און איך האָב זיך אים נאָכגעלאָזט און אים נאָכגעגאַנגען פונהינטן. זײַנען מיר ביידע אינדרויסן אַרויסגעקומען, האָט ער מיך פון מישקן און פון זײַן נאָענטקייט אָפּגעפירט, און אַף אַ גרויסן פלאַץ, און פון אַ פאַרנעם אַ געוואַלדיקן, מיך אַרויסגעבראַכט. זיינען מיר אַהין אָנגעקומען ביידע, און מיר האָבן זיך אין זיין מיטן אַוועקגעשטעלט. האָט זיך דאַן יישמאָעל קויהענגאָדל געווענדט צו מיר און דעם קאָפּ מיר אַרויף און די אויגן צום הימל אויפהויבן געהייסן. האָב איך אים געפאָלגט און געטאָן, וואָס ער האָט געהייסן, האָב איך דאַן באַמערקט אין הימל, און דאָרט אָטוואָס דערזען:

האָט זיך אין הימל פלוצלום אַ לייַכטער מיט אַ ליכט באַוויזן. און נישט פון קיין מענטשן געבראַכטע און נישט פון קיין הענט געטראָגענע, נאָר אַליין אַ לייכטער מיט אַ ליכט אַ ברענענדיקער. און די ליכט, און איר שײַן האָט ווי אין אַ שטוב ברענענדיק אויסגעזען: גאָלדיק און היימיש, הויך אין הימל אויבן, און דאָך צום האַרצן עפּעס נאָענט. האָט זיך דאַן אונטערן לייכטער אַ שטענדער — אַ הילצערנער און אַ געוואוינלעכער — און ווערליק פאַר אַ מענטשנוואוקס די הויך אַ שטעל געטאָן, און דער לייכטער איז אַף אים שטיין געבליבן. האָט זיך דאַמאָלס אַפן שטענדער אויך אַ סייפער באַוויזן. און אויפגעמישט האָט ער זיך פון זיך אַליין, און אָן קיין האַנט האָט ער זיך געבלעטערט, און נאָך אייניקע מי־

Apocalypse: Island destroyed

נוטן מישן און בלעטערן האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַרהאַלטן אַף אַ בלאַט· און
באַרוט און אָפן, גרייט און ווי אַף עמיצנס צו אים צוקומען און אין אים צו לייען
ענגן געבליבן. האָט ער אַזוי אויסגעוואַרט. האָט זיך דאַן אויך דער עמיצער
באַוויזן: אַ שטילער מאַן און אין הימל זיך־ווייַזנדיקער, און פאַרן שטענדער
פאַרן ליגנדיקן סייפער זיך געטראָפן. האָט ער אין סייפער די אויגן אַרייַנגע
טאָן און די גאַנצע צייט פון לייענען זיי שוין נישט אַרויסגענומען פון דאָרט
האָט ער אָנגעהייבן און אַזוי געלייענט:

1st vision

— און אין יענע צייַטן וועט זיך אַ קאָל צעטראָגן, אַז אין יאַם האָט זיך
אַן אינזל אָפּגעריסן, און אַז דאָס אינזל שווימט אַרום אין יאַם. און יאַמלייַט
האָבן דאָס באַגעגנט שוין ניט איינמאָל, מיט שטעט און מיט יישובים, מיט דער
פּער און מיט פיל דערשראָקענע, און מיט מענטשן און מיט כאַיעס דאָרט אַרום
לויפנדיקע. און שיפן האָבן עס געזען, און שיפן האָבן זיך נישט איינמאָל אָנגע
שלאָגן אין דעם. און די, וואָס האָבן עס באַמערקט פונווייַטנס, האָבן פון אינזל
עפּעס קוילעס און געשרייען געהערט, און מענטשן און כאַיעס האָבן זיך באַ די
ברעגעס פאַרזאַמלט, און אַלע האָבן צום יאַם ווי נאָך הילף גערופן, און אַלע
האָבן אַף הילף און ראַכמאָנעס צו די דורכפאָרנדיקע די הענט און די העלזער
אויסגעשטרעקט··· וועלן דאָס די יאַמלייַט באַם ערשטן ברעג דערציילן, און
דער ערשטער ברעג וועט דאָס אַ צווייטן איבערגעבן, און דער צווייטער —
דריטן, און אַזוי וועט זיך די יעדיע פון אָרט צו אָרט צעטראָגן.

און דערציילן וועט מען ווידער, אַז די פאַרבייַפאָרנדיקע די לעצטע צייַט
האָבן אַפן אינזל אַ פייַערדיקן גיסן געזען. אַפן גאַנצן יאַם איז שטיל און רואיק
געווען. אַפן גאַנצן הימל אַרום איז קיין וואָלקנדל און קיין אומלויטערקייט
נישט געווען צו באַמערקן, נאָר אינמיטן און אַפן קאָפּ פון אינזל האָט אַן אָנשי־
קעניש און אַ פינסטערניש געהערשט, און פון פינסטערניש און פון פאַרכמאַרעט־
קייט דעם גרויסן, האָט אַ רעגן און אַ פייַערדיקער געשמיסן. און נישט צו זען
איז שוין געווען אַפן אינזל קיינעם, און פוסט און אָפּגערוימט האָבן אַלע ברעגעס
פון דעם אויסגעזען, און נאָר זעלטן, און נאָר וואוניטוואוו, האָט זיך אַ כאַיע אַן
עלנטע, אַ פאַרשטויסנע און ווי אַ לעצט פאַרבליבענע באַוויזן. און געוואָיעט
האָט די כאַיע, און באַם ברעג פון אינזל איז זי געשטאַנען און דעם קאָפּ צום יאַם
אויסגעשטרעקט און אַף כורבן און אַף אינזלווי געוואָיעט···

און איבערגעבן וועט מען ווידער, אַז דאָס אינזל פון מאָל צו מאָל אַלץ
קלענער און קלענער ווערט, און ברעג און ברעגעס ברעכן זיך אָפּ פון דעם
און שטיקערווייַז און טיילווייַז שווימען אָפּ און פאַרלאָזן דאָס אינזל. און די
לעצטע צייַט איז דאָס שוין גאָר אַ קליינס געבליבן, און פון צייַט צו צייַט דערזיך
איינער אַ מענטש, אַ לעצטער און אַ שפּור פאַרבליבענער, פאַר די יאַמלייַט און
פאַר די שיפן די פאַרבייַפאָרנדיקע באַווייַזט זיך; אַמאָל אַף אַ באַרג און אַף יאַם־
ווייַט קוקנדיק, און אַמאָל באַם וואַסער הינטן און באַם ברעג אַ שטייענדיקער



וויַיזן וויַיזט זיך אויס, ווי דער מענטש אַן אָרט זיך אויסזעט, אַף דער שאָ
אַף דער לעצטער, פאַרן פאַרגיין און פאַרן פאַרשוואונדן־ווערן פון אינזל.
דערווייַל נאָך רואיק איז, און ביזן לעצט, און ביזוואַנען ס׳איז מעגלעך, דאָרט
בלייַבן און דאָס נישט צו פאַרלאָזן רעכנט···

און צום לעצטן וועלן יאַמלייַט דערציילן, אַז זיי האָבן דאָס אינזל אַ קליינס
נישטיקס שוין זיך טרינקען און אונטערגיין געזען··· און איבערגעקערט האָט
זיך עס, און אַפן רוקן האָט זיך עס געשטעלט, און אַ לאַנגע צייַט האָט זיך עס
מיטן יאַם גערעַנגלט, און ביז קויכעס, און ביז מעגלעכקייַטן אַף ראַנגלען זיך האָבן
באַ דעם אויסגעלאָזט. האָט זיך דאַן אַפן לעצטן יאַבאָשע־שטיקל דער מענטש,
דער לעצט־פאַרבליבענער באַוויזן. האָט ער זיך אַף אַ ברעט געהאַלטן, און
מיט דער ברעט אין וואַסער זיך אַראָפּגעגליטשט און מיט איר אין יאַם אַרייַן
אַוועק. און די כוואַליעס האָבן אים אַ נעם געטאָן און אַף די רוקנס זייערע
אַרויפגעכאַפּט, און טראָגן און אונטערגעטראָגן האָבן זיי אים גענומען, און איין
כוואַליע האָט אים צו אַ צווייטער איבערגעענטפערט. און ביז זיי האָבן אים וויַיט
אַפן האָריזאָנט פון אַלעמענס אויגן, און פון אַלע דאָס צוזעענדיקע פאַרשווינדן
געמאַכט.

lone survivor of the Island washed ashore

און איבערגעבן וועט מען ווידער, און דערציילן וועלן דאָס שוין נישט
— קיין יאַמלייַט, נאָר יאַבאָשע און ברעגלייַט פון יאַבאָשעס, אַז איינמאָל און נאָך
אַ שטורעם אַ גרויסן האָט דער יאַם צו אַ ברעג צו איינעם עפּעס איינעם אַ
מענטשן אַ האַלבן טויטן שוין אַרויסגעוואָרפן. און אָפּגעטריקנט און אויפגעמינ־
טערט האָט מען אים, און באַ אים „פונוואַנען ער איז” און „וואָס ער איז” זיך
צו פרעגן גענומען, און דער מענטש האָט ניט געענטפערט, און דער מענטש האָט
קיין איבריקס ניט געלאָזט זיך דערפרעגן. און אַרויסגערוקט האָט ער זיך, און
די אים אַרומרינגלענדע אינדערמיט געלאָזן, און זייערע שטיבער און זייערע הייַ־
זער האָט ער פאַרלאָזט, און אַף אַ באַרג אַף אַ פעלזיקן האָט ער זיך אויפגעהויבן,
און דאָרט, און צווישן שטיינער צעוואָרפענע האָט זיך אַ שטיינהייל אָפּגעזוכט.

און געזען און באַמערקט האָבן די מענטשן, אַז דער מענטש האָט פון יאַם
אָנקומענדיק עפּעס געבראַכט און געראַטעוועט פון יאַם, אָבער וואָס אַזוינס האָט
מען אים נישט טראָגן געזען, און וואָס אַזעלכס האָט מען אים נישט באַמערקט
צו האָבן, נאָר דאָך, אַף זייַן אָרט אָנקומענדיק, האָט עפּעס באַגראָבן און נעבן זייַן
הייל באַהאַלטן, און אַף יענעם אָרט עפּעס אַ קייווער אָנגעשיט. און אַרומגע־
צאַמט און אַרומגעגרעזט האָט ער אים, און באַוואָרנט און אָפּגעהיט אַף קייווער־
שאַפט, און אַלע באַנאַכט באַפוילט ער אים, און אַלע נאָכהאַלבענאַכט פון דאָרט
אויך עפּעס אַ פייַער באַווייַזט זיך···

און געזען האָט מען ווידער, אַז נאָכן נאַכטפייַער יענעם, דער הימל איבער
קאָפּ פון באַרג שפּאַלט זיך, און דורך אַ לייטער, דורך אַ פון־ליכט־געמאַכטן,
עפּעס אַ מאַן איינער, פון דער הויך און פון הימל אַראָפּ לאָזט זיך. און אויסגע־

לאָשן ווערט נאָכן אַראָפּלאָזן זיך פון מאַן דער לייטער, און נישט בלײַבן ער פון פאַר אויגן, נאָר אַפן אָרט, וואו דער מענטש דעם קיווער באַזוכט, שטעל[...] זיך צו אים צו דער איינער, און אַפּלאַנג, און אַף נאַכט, און אַף שאָען גאַנצ[...] און ביזן טאָג פאַרברענגט דאָרט...

און זאָגן וועט מען זאָגן, אַז אַ מאַלעך און אַ רעבע באַפּוילט דעם מענטש[...] און איבערגעבן, און דערציילן וועט מען, אַז דאָס לערנט ער אים, און דאָס גרייט ער אים צו צו עפּעס... און דער קלאַנג וועגן דעם מענטשן וועט זיך אין יענע[...] אָרט פאַרשפּרייטן, און דעם נאָמען זײַנעם וועט מען ווײַט און אַרום אויך א ו י ס ע ר יענעם אָרט דערהערן. און ציען וועט מען זיך אַהין נעמען, און אָנקומע[ן] פון אַלע זײַטן, און אַן איידע און אַ ווילד־בײע וועט זיך דאָרט בילדן, און טאַל־מידים און ניי־טאַלמידים וועלן אַהין צוגענומען ווערן, אַף אַרויסגיין פון דאָרט און אַף אַלע יאַמים און יאַמבּרעגעס צו צעשיקט ווערן, אַף נישט געהערטס צו צו[...] הערן מאַכן, און אַף נישט געשעענס צו געשען לאָזן...

און די צײַט פון אָטדעם אַלעם וועט באַלד קומען, און די צײַט פון אָטדעם פאָרויסגעזאָגטן וועט שוין נישט גדויערן לאַנג, ווײַל אַזוי זאָגט דער גײַסט, און אַזוי איז דאָס פאָרויסגעזאָגט פון אים, און אַזוי איז דאָס שוין פונלאַנג אַף אָטדעם סייפער אַף זיקאָרן פאַרשריבן...

און דאָ האָט דער מענטש זיך אָפּגעשטעלט פון לייענען, און פון סייפער און פון לאַנג אַהין אַרײַנקוקן די אויגן צוגענומען. איז ער אַזוי אַ ווײַלע פאַרן שטענדער מיטן ליכט געשטאַנען, און דאָס ליכט האָט געברענט, און דאָס פײַער האָט אין איין מאָס, אין דער שטילער און אין דער גאָלדענער, זיך געהאַלטן. האָט אַזוי ווי אויסגעוואַרט דער מענטש, און אויך איך און יישמאָעל קויהענגאָדל האָבן אַף אונזער ערטער און אונטן שטייענדיק, ווי אַף נאָך עפּעס, און אַף נ אָ ך און ו י ד ע ר צו הערן, אַרויסגעקוקט. האָט זיך דער מענטש דאַן שוין אַזוי ווי אָפּגערוט פון וואַרטן, האָט ער זיך דאַן נאָכאַמאָל צום סייפער געווענדט, און אַהין אַ צווייט מאָל אַרײַנגעקוקט, אַרײַנגעקוקט און אָטוואָס געלייענט:

— און דאָס אַלץ, און דאָס ביזאַהער געזאָגטע, איז אַ מאָשל נאָר געמאָשלט... און וואויל איז דעם, וואָס וועט הערן דעם מאָשל, און דעם איז וואויל, וואָס אים הערן וועט ראָע זײַן. און יישמאָעל קויהענגאָדל, וואָס וועט אין יענער צײַט קויהענגאָדל זײַן, דאַרף אים צו פאַרשטיין געבן, און דעם קויהען, וואָס וועט פאַר אים געבראַכט ווערן, אים אויפקלערן און קלאָר מאַכן דעמאָלט.

און דאָ האָט דער הימל־לייענער שוין זײַן לייענען פאַרענדיקט. האָט ער דאַן דעם סייפער פאַרמאַכט און זיך צו אים אָנגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן פאַרן פון־אים־אָפּגיין. איז ער אַוועק, און באַלד נישט געבליבן אַף אַ נישט־בלײַבן־אויפן. האָט זיך נאָך אים אויך זײַן אָרט פאַרמאַכט. האָט זיך באַלד אויך דער שטענדער פון זײַן אָרט אָפּגעטאָן, און נאָכן שטענדער האָט דאָס ליכט נאָך געברענט אַ ווײַלע, און באַלד דערנאָך איז אויך דאָס ליכט נישט געבליבן. זײַ־



בלײַבן מיר אַזוי, יישמאָעל קויהענגאָדל און איך, נאָך דעם אַלעם געזעענעם שטיין [...]געבליבן, און ביידע זײַנען מיר אין הימל און אין יענעם אָרט פונאויבן פאַרטאָן [...]געווען. האָט זיך יישמאָעל קויהענגאָדל פּלוצים אויפגעכאַפּט פון פאַרטיפט זײַן, און די אויגן פון הימל צוגענומען און צו מיר זיך געווענדט, האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופן און אַזוי געזאָגט:

— און איצט, קויהען דער זון פון קויהען, שטעל זיך אַוועק און גרייט זיך [...]צו, און איך וועל דיר דאָס נאָרוואָס געוויזענע מיט אַ צווייטן און מיט אַן אַנדערן אויפקלערן.

און יישמאָעל קויהענגאָדל האָט מיך פון מײַן אָרט, וואוהין איך בין ביז־אַהער מיט מײַן פּאָנים געווענדט געווען, אויסגעדרייט און מיך צו מיזרעכזײַט אויסגעקערעוועט. האָט ער מיך אַהין אַזוי אַוועקגעשטעלט און מיר אַהין קוקן און לאַנג קוקן געהייסן, און אַליין, און אויך ער נעבן מיר, און אויך ער האָט אַהין זײַן פּאָנים געווענדט, געווענדט און מיר האָבן אָטוואָס דערזען:

האָט זיך אַפן הימל, וואָס אַפן האָריזאָנט אַף ווײַטן, פּלוצלום ווי אַ טײַכל מיט אַ באַגרינטן ברעג באַוויזן, אַ שטילס און מיט בוימער באַוואַקסנס, אַ זיך־דרייענדיקס און קרום ערגעץ אונטער בוימעריקײַט פאַרגייענדיק. האָט דערויף די סאָף־נאַכט און אַן ערעוואָג־רואיקײַט גערוט, און די ברעגעס מיט בוימלעך האָבן אַרומגעשטעלט דאָס טײַכל און נאָך אין נעכטיקײַט און אין פאַרטאָגיקײַט געדרעמלט; און דאָס וואַסער האָט געשטראָמט און געקילט קוועלנדיק, און דעם סאָף־נאַכט־הימל אָפּגעשפּיגלט און אָנגעזען געמאַכט אין קילן. איז דאָרט קיינער נישט געווען באַם טײַכל, און די ברעגעס זײַנען פּוסט געשטאַנען, און קיין בריע און קיין לעבעדיקע האָט זיך נישט געוויזן אַף קיין ברעג. נאָר אַף אַן אָרט אַף איינעם, באַ אַ צום־טײַכעלע־אַראָפּלאָז איז אַ זאַמד אַזאַ, אַ ווײַס־גלאַטע און אַ באַדרערדיקע געלעגן, אַן אײַנגעלעגערטע און גלײַך אין וואַסער אַרײַנפירנדיקע, אַ וואַרטנדיקע און ווי עמיצער זאָל זיך באַלד דורך איר צום וואַסער אָנטרינקען קומען, געוואַרט.

האָט זיך טאַקע באַלד פון צווישן די בוימער א , פאַרצווײַגטקײַט זייערן אַ בריע אַרויסקומען באַמערקט... אַ גרויסע און אַ שטילע דאָרט, אַ געהיטע און צום וואַסער גייענדיק. איז דאָס אַ הירש געווען. און די פעל איז אים שטײַף צו דער הויט צוגעשטאַנען, און די הערנער זײַנע האָבן זיך הויך און פאַרצווײַגט אַרויס־געזען, און יעדער האָרן האָט צו איינציקע צווײַגן געהאַט, און יעדער צווײַג צו ביי־צווײַגלעך קלײנינקע. איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דאָרט און מיט זײַן אָנקו־מען פון יענער־בוים־זײַט, און ווי אַ יעדיע שוין פון ערגעץ אַן אונטערוואַלדיקן־פאַרטאָג געבראַכט.

האָט מען טאַקע דערזען: אַף אַ האָרן זײַנעם איינעם און אַף אַ שפּיץ אַ דאָרטיקן, האָט ווי עפּעס אַ לעמפּעלע געשײַנט. און געלויכטן האָט דאָס און מיט מילדער ווײַס־שײַן געמילדעוועט און מיט מאָרגנשטערנדיקײַט און מיט טאָגבראַכע

האָט געהעלט. האָט עס דער הירש אַפֿן האָרן געהאַט און מיט דעם זיך צום וואַסער דערנעהענט און אָנקומענדיק זיך אַף אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן באַם וואַסער. האָט ער זיך דאַן אַף אַרום אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט זיך עפּעס געשראָקן און עפּעס מוירע געהאַט פֿאַרן אַרום. האָט ער זיך דערנאָכדעם און ווי באַרואיקט פֿאַר דער מוירע, און דעם קאָפּ צום טײַכעלע אָנגעבויגן, און פֿון דאָרטן טרינקען גענומען. האָט זיך דאַן אינאיינעם מיטן קאָפּ זײַנעם אויך דאָס לעמפּעלע אָנגעבויגן, און דאָס לעמפּעלע האָט אַ שפּיגל און אַ בענטש געטאָן דאָס וואַסער. האָט זיך טייקעף אַלץ געביטן — און דער הירש איז נישט געבליבן, און דער האָרן זײַנער מיטן לעמפּעלע אַף דעם, האָבן זיך שטיל אין הימל אויבן און פּונקט איבערן טײַכעלע אַראָפּשײַנען באַוויזן, און אַפֿן אָרט פֿון הירש, אַפֿן אָרט פֿון זײַן שטיין פֿריערדיקן, האָבן זיך צוויי מענטשן, מיטאַמאָל ווי דאָרט אויסוואַקסנדיק און מיטאַמאָל זיך דאָרט באַווײַזנדיק, געטראָפֿן...

איז דאָרט איינער אויסגעטאָן געשטאַנען, און ווי שוין אין טײַך אַרײַנגייענד געגרייט זיך, און דער צווייטער — אָנגעטאָן, אַף צו שטיין און אַף צו בײַזײַן באַ זײַן אַרײַנגיין. האָט זיך דער ערשטער אייניקע ווײַלעס אויפגעהאַלטן און נאָך געזאַמט, איז ער אָבער לעסאָף אַרײַן. און אָנגעקומען איז ביז האַלבן קערפּער און שטיין געבליבן, און פֿאַר, אונטערטיקן נאָך אויסגעוואַרט. האָט ער זיך דאַן אונטערגעטיקט, און איין מאָל, און צוויי מאָל, און דער צווייטער איז אַפֿן ברעג געשטאַנען, און איבערן ערשטן און איבערן זיך־טויוולדיקן די הענט אויסגעשפּרייט, האָט ער זיי אַזוי געהאַלטן און געבענטשט און געהייליקט זײַן טווילע. און אויך דאָס מאָרגנלעמפּעלע, דאָס וואָס ס׳האָט אין הימל אויבן און אַפֿן הירש־האָרן געלויכטן, האָט צום טויוולדיקן און צו זײַן טוקן־זיך אַראָפּגעהעלט, און זײַן לײַב מיט טאַהאַרע, און דאָס וואַסער מיט פֿרײַ־שײַן געהייליקט. האָט ער זיך אָפּגעטויוולט, דער ערשטער, איז ער פֿון וואַסער אַרויס און אַפֿן ברעג געקומען, און דאַן, און פֿון צווייטן און אים־וואַרטנדיקן זײַנע קליידער באַקומען. האָט ער זיך אָנגעטאָן און צו עפּעס גרייט געוואָרן נאָכן אָנטאָן. האָט זיך דער הירש דאַן ווידער באַם ברעג באַוויזן און נאָהענט פֿאַר די אַפֿן־ברעג־שטייענדיקע זיך צוגעשטעלט. האָט ער געקניט פֿאַר זיי, און פֿריער דעם ערשטן און דערנאָך דעם צווייטן אַף זיך גענומען, און פּלוצלום... ווי יענע האָבן זיך נאָר דאָרט אַרויפֿגעזעצט אַפֿן הירש, אַזוי האָבן מיר, יישמאָעל קויהענגאָדל און איך, א ו נ ז א ַ ל י י ן, און אַפֿן הירש דאָרט רייטנדיק דערזען... און דער הירש איז אין די ביימער אַוועק, און דאָס לעמפּעלע אַף זײַן האָרן האָט זיך אויסגעלאָשן מיט זײַן נישט־בלײַבן, און דאָס טײַכעלע איז פֿאַרהוילן געוואָרן, און דאָס וואַסער מיט די ברעגעס, און אויך די ביימער דאָרט, זײַנען אונז פֿון די אויגן פֿאַרשוואונדן געוואָרן... פֿאַרשוואונדן — האָב איך זיך צו יישמאָעל קויהענגאָדל דאַן אויסגעקערעוועט, און מיט מײַן קוק, און מיט מײַן פֿאַרוואונדערטן אַן ענטפֿער און אַ באַשיידונג באַ אים געמאָנט —

— וואָס הייסט עס?



— דאָס האָסטו זיך צו דײַן טאָג און צו דײַן מאָרגן געטויוולט, און איך בין באַ דײַן טווילע געווען, און איך בין דיר אַן איידעס אַף דײַן טווילע.

— און ווײַטער?

— און איך וועל דיר אויפֿקלערן.

און דאָ האָט זיך פּלוצלום אַפֿן אָרט, וואו מיר זײַנען געשטאַנען ביידע, עפּעס אַ שטיין אַן אַלטער און אַ מאָכיקער, אַ פֿאַרוואָגלטער און ווי פֿון קאַדמוינים, זיך באַוויזן. האָט ער זיך קעגן יישמאָעל קויהענגאָדל געטראָפֿן, און פּונקט נעבן די פֿיס זײַנע, און דאָרט, וואו ער האָט זיך אַראָפּזעצן באַדאַרפֿט. האָט ער זיך, צו אים אויסגעדרייט און אַף אים אַ קוק געטאָן, דערנאָך זיך אַף אים אַראָפּגעלאָזט און אַף אים זיצן געבליבן. און דאַן, און ער האָט זיך געווענדט צו מיר, געווענדט און אַזוי געזאָגט:

— און הײַנט, אין סאָף נאַכט נאָך, וועסטו צוריק אַפּאונטן, און פֿונוואַנען דו ביסט אַהער אויפֿגעגאַן, אַראָפּגעלאָזט ווערן. און וויסן זאָלסטו זײַן, אַז דײַן אָרט איז נישט פֿונאויבן דאָ, און דײַן זאַך איז נישט דעם מישקן דאָ צו באַדינען, נאָר דײַן באַרוף איז אונטן זײַן, און מיט אַנדערע און מיט ד י י ן־ג ל י י כ ן דאָרט אַ ג י י ע ם מישקן בויען. און ווײַס: און לערנען, און אויפֿקלערן וועסטו זיי דאַרפֿן, ווי מיט זאַכן, און ווי מיט קיילים הייליקע זיך באַגיין, און דערציילן און פֿאַרשטיין געבן, ווי מיט מישקן און ביכלאַל זיך פֿירן, ווײַל שוין לאַנג, אַז מען איז דאָרט אָפּגעוואוינט פֿון מישקן, און ווײַל לאַנג און פֿון אַ צײַט שוין, אַז גאָטס וואָרט און גײַסטס קאָל האָט זיך נישט געהערט צווישן קויהאַנים... און — ווי דו זעסט דעם שטיין... און אַזוי ווי איך לערן דיך דאָ, אַזוי וועסט דו אויך דאָרטן אַף ד י י ן שטיין לערנען, און אַ שטיין איז שוין אָנגעגרייט פֿאַר דיר, און וואַרט שוין דאָרט אַף דײַן קומען... און איך זאָג דיר צו: יעדעסמאָל, ווען פֿאַר דיר וועט אַ שוועריקייט קומען, און יעדעסמאָל, ווען פֿאַר דיר וועט אַ שווערע זאַך געבראַכט ווערן, אַראָפּקומען און ווײַזן וועל איך זיך צו דיר, און דאָס שווערע דיר אויפֿקלערן און דאָס אומפֿאַרשטענדלעכע אָפּקלאָר אַרויספֿירן. און הער: און דײַן האַלבע נאַכט איז שוין פֿאַריבערגעגאַן, און צו דײַן אָנהייב־טאָג זײַנען נאָך ווייניקע שאָען פֿאַרבליבן, שטעלזשע זיך אַוועק פֿאַר אָנהייב טאָג, און פֿאַרן פֿאַרלאָזן דיך, וועל דיר נאָך עפּעס און אַ דריטס באַווײַזן.

און דאָ האָט זיך יישמאָעל קויהענגאָדל פֿון זײַן אַפֿן־שטיין־זיצן אויפֿגעהויבן, פֿון אים אָפּגעגאַן און אויך מיך מיט זיך פֿון אים אָפּגערופֿן. האָט ער מיר דאַן ווידער די אויגן צום הימל אויפֿהויבן געהייסן, און איך האָב אים געהערט און ווידער אויפֿגעהויבן די אויגן. האָב איך אַהין געקוקט, און וואוהין ער האָט מיר אָנגעוויזן, לאַנג. האָב איך זיך געזאַמט אין קוקן, און דאַן און נאָכן זאַמען שטילן האָב אָטוואָס דערזען:

האָט זיך אין הימל אַן אָרט, אַ קיילעכיקס און פֿאַרטיפֿטס, אַן אָפּנס און וואָס פֿונאונטן ברייט און אַרויפֿצו שמאָל, זיך באַוויזן. האָט עס אַ פֿאָרם פֿון אַ

גלאָק געהאַט, און פּוסט איז דאָס אָרט געווען, און דערווייל נאָך הויל דעמאָלט. האָט זיך טאַקע דאַן אַ גלאָק דאָרט באַוויזן, און אינעם גלאָק, און אין זיין אינווייניקסט, האָט מען אויך אַ קלינגער דערזען — אַ גרויסן און אין דער מיט אַראָפּהייגענדיקן, מיט אַ גראָב־פֿאַרברעגטקייט פונאונטן, און העכער, און אַרויפצו, איז פון גלאָקס ווענט פֿאַרשטעלט געווען. האָט זיך דאַן פון אונטער־גלאָק, און פון אונטער זיין אינווייניקסט אַרויס, אַ קראָ איינע באַוויזן, אַ שוואַרצע און אַן אַרומפּליענדיקע, און אַפן גלאָק און אַף זיין גלאָקראַנד איז אַרויס און אַף איין אָרט דאָרט זיך פֿאַרהאַלטן. און געגליטשט זיך דאָרט, און געדראַפּעט פֿאָרפלענדיק, און מיט די פיסלעך און מיט די דאַר־פויגלדיקע זיך נעגלדיק געטשעפּעט פאַר יענעם אָרט. איז זי לעסאָף שטיין געבליבן.

האָט מען דערזען, ווי באַלד נאָך דעם האָט זיך אונטערן גלאָק אַ לייטער באַוויזן, מיט שטאַפּלעך און מיט טרעפּלעך, און עטוואָס אָנגעבויגן, און ווי אַ לייטער שטייט איז געשטאַנען. און נישט צו זען איז געווען, אַף וואָס עס האַלט זיך דאָס לייטערל, און נישט צו באַמערקן איז אויך געווען, אין וואָס ס'שפּאַרט זיך אָן מיט שפּיץ.

האָט מען באַלד צו דעם די קראָ אַראָפּפליען באַמערקט, און זי האָט זיך אַפן אויבערשטן און העכסטן שטאַפּעלע געשטעלט. איז זי שוין דאַן באַהענט און נעבן קלינגער געשטאַנען, און אין מויל באַ איר האָט זיך אַ שטריקל, וואָס איז צום קלינגער צוגעבונדן געווען, געטראָפן. האָט זי אַזוי אַ ווײַלע און צוויי אַפן שטאַפּעלע אָפּגערוט: פון אַרומפליען און שלעכט־איינשטיין פריערדיקן, פון זיך דראַפּען און פון שוואַך זיך האַלטן אַפן גלאָק. האָט זי דערנאָך דאָס שטריקל אַ צי געטאָן, און מיט גאַנצן קויאַך ווי אינדערזייט זיך אַ נעם געטאָן. האָט זיך דער קלינגער נישט גערירט פון אָרט. האָט זי נאָכאַמאָל געצויגן און ווידער האָט ער זיך נישט גערירט.

האָט די קראָ דאַן צום דריטן מאָל און מיטן לעצטן קויאַך אַ שלעפּ געטאָן, און דער קלינגער האָט אַ גיי געטאָן און אין דער גלאָק־וואַנט זיך אָנגערירט, און שוין אַ קלאַנג און אַ קופּער־גלאָקישן באַם גלאָק אַרויסגערופן. און די קראָ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פון ציען, און דער קלינגער איז זיך שוין ריִרעוודיק צעגאַנגען. און די קראָ האָט ווידער געשלעפּט, און דער גלאָק האָט קוילעס און ווידער קוילעס שוין אַרויסגעלאָזט.

האָט זיך עס אין הימל דערהערט, און דער קלאַנג איז זיך אין לופט צעשוואומען, און די קלאַנגען האָבן דעם גאַנצן אַרום אָנגעפילט, און די קראָ האָט זיך אויך איצט נישט אָפּגעשטעלט, און ווי עמיצן רופן, און ווי עמיצן אַרויסרופן געוואָלט. האָט אָבער דער עמיצער נישט געהערט און קיינער איז נישט אַרויסגעקומען אַפן רוף. איז אָבער אויך די קראָ באַטואַך געווען און אַלץ איר זאַך געטאָן. און זאָל נישט וועלן קיינער, און זאָל קיין אויער נישט הערן, אָבער זי וועט צו קלינגען נישט אויפהערן, און סאָפּקאָלסאָף וועט מען מוזן דערהערן.



איז טאַקע אַזוי געווען. האָט זיך לעסאָף און נעבן גלאָק דאָרט אין הימל, אַן אָרט און עפּעס אַ נײַס אויפגעעפנט, און ווי אַ הייל אין אַן ערדבאָדן האָט זיך באַוויזן. און וואָלקנס האָבן זיך דאָרט עפּעס אַ זאַמלען אַ ווי צעגיין זיך גענומען, מיט אַ צונעמעניש און מיט אַ וואָלקן־צעגיין־זיך, ווי אונטער אַ זון אַמאָל, ווען וואָלקנס דאַרפן דער זונס שײַן און איר ליכטיקײַט דורכלאָזן.

האָט די הייל דאַן געוואַרט און צומאָנהייב נישט אַרויסבאַוויזן פון זיך קיינעם, און איינציקע מינוטן און גאָרנישט נישט אַרויסגעשטעלט פון איר פֿאַרבאָרגנקײַט. האָט זיך דערנאָכדעם פון הייל אַרויס אַ קאָפּ באַוויזן, דערנאָך אַ האַלז און דערנאָך אַ האַלבער קערפּער, און דערנאָך אַ גאַנצער, און דאַן און מיט פיס אַרויס. און גרויס איז געווען דער אַרויסגייער, און ריזיקגעוואַקסן איז ער בעשאַס זײַן אַרויסשטעלן־זיך פון הייל, און אַז ער האָט זיינע פיס אַף דער ערד אַראָפּגעלאָזט, האָבן זיי לאַנג און ביז דער ערד אַראָפּגעגרייכט. און באַלד, און ווי ער האָט זיך נאָר אַנידערגעשטעלט אַף דער ערד, אַזוי האָט שוין זײַן קאָפּ ביזן הימל אַהין, און ביזקל אין העכסטן אָרט דאָרט דערלאַנגט. איז ער אַזוי שטיין געבליבן.

האָט זיך דאַן, און ווידער פון דער הייל, אַ מענטשעלע אַ קליינס אַ נידריקס און אַ נישטיקס זיך באַוויזן. און אַז דאָס מענטשעלע איז פון הייל אַרויסגעקומען, איז דאָס קינדעריש און אומבאַהאָלפן שטיין געבליבן, און פון אַף־דער־ערד־אַראָפּגיין האָט צו טראַכטן נישט געקענט, און פון אַראָפּצוקוקן אַפילע האָט מוירע און פּאַכעד געהאַט. האָט עס אַפן ריז מיט אָפּשיי און מיט פֿאַרוואונדערונג געקוקט, און צוריק דער ריז דאָס מענטשעלע האָט מיט שפּאָטווערדיקייט און מיט גרינגשעצונג באַטראַכט. זײַנען זיי אַזוי אָפּגעזונדערט און אָפּגעטיילט געשטאַנען, און ווי פֿאַרפרעמדטע ביידע, א ווײַלע אַזוי געזאַמט אין אָפּגעזונדערטקייט.

האָט זיך דעמאָלט אין הימל און איבערן קאָפּ פון ריז אַ שטערן באַוויזן, אַן אָנאָוו־שטערן, אָבער אַ גאָלדן־לויכטנדיקער, אַ ציכטיקער און אַ כעסעדיקער, און מיט איניקײַט און מיט בראָכע אַרום זיך פֿאַרשפּרייטער. האָט אים דער ריז דערזען און צו אים די אויגן אַרויפגעריסן און אים געגי?ט מיט אויגן. האָט ער צו אים אַרויפגעקוקט און פון אים נישט צונעמען געקאָנט זײַן בליק און אים געגאַרט און באַגערט און ווי פֿאַרשטוינט און פֿאַרקישעפט געוואָרן פון זײַן איבער־קאָפּ־לויכטן. האָט ער צו אים זײַנע הענט אַרויסגעשטרעקט און מיט געהיטקײַט און מיט גיריקײַט גרויסער זיים אָננעמען און אַראָפּנעמען גערעכנט. האָט ער אָבער נישט דערלאַנגט צו אים, ווײַל דער שטערן איז עטוואָס העכער און עטוואָס ווײַטער פון זײַן דערלאַנ?ען געווען. האָט זיך דער ריז דאַן אַף די שפּיצפינגער געשטעלט, און אויסגעצויגן האָט ער זיך, און וויפל ער האָט נאָר בעקויאַך געהאַט זיך אויסציען, און די הענט האָט ער אַרויסגעשטרעקט, און אָט באַלד, און אָט־אָט... און אָט וועט ער אים דערלאַנגען... האָט ער אָבער אויך



crows ringing awakens a giant from his cave

also a cowardly midget

Giant cannot reach the star alone → places midget on his shoulders

איצט נישט דערלאַנגט. און אַ קלייניקייט האָט אים געפעלט, און אַ גאָרנישט שוין צום שטערן, און דאָך, און געפעלט האָט אים דאָס קלייניקייט, און אָן דעם האָט ער זיך נישט באַגיין געקאָנט. האָט ער זיך דאַן אַף אַלע זײַטן געדרייט, און ווי אָן אייצע פון אַל־אַרומיקן געזוכט. האָט ער אָבער נישט געזען און נישט געפונען קיין אייצע. האָט ער זיך אין קליין־מענטשעלע, וואָס איז באַ דער הייל און די גאַנצע צײַט ווי אַף עפּעס וואַרטנדיק געשטאַנען, דערמאָנט. האָט ער זיך צו דעם געקערעוועט, און דאָס אַף זײַנע הענט אַ נעם געטאָן, און אויפגעהויבן און איבער זײַן קאָפּ דאָרט העכער. האָט ער עס אַזוי באַ די פיסלעך געהאַלטן און דאָס קערפּערל און די הענטלעך פון דעם צו דעם שטערן און אַרויף אויפגעשטעלט. האָט דאָס מענטשעלע דעם ריזס מיין געוויאוסט. האָט עס די הענטלעך אויסגעשטרעקט און פון הימל דעם שטערן דאַן באַקומען און פון דער הייך אים אַראָפּגענומען. איז ער אין די הענט פון מענטשעלע צו אַ קרוינדל געוואָרן, צו אַ זעלטנס און צו אַ טורים־פּאַרמיקס, און אַפן טורים. און אַפן שפּיץ פונאויבן האָט דער שטערן, און דער מיט בראָכעשײַן געבענטשטער, געשײַנט. האָט דאָס מענטשעלע דאָס קרוינדל איבער אייגן קעפּעלע און העכער פונם קאָפּ געהאַלטן, און אַזוי און דאָס האַלטנדיק, און אַזוי און מיט דעם זאַמענדיק, האָט עס נישט אַף זיך און נישט אַפן ריז אַראָפּגעלאָזט.

— לייג עס אַף מײַן קאָפּ אַוועק, און זאָל עס מײַן קאָפּ באַקרוינען —

האָט דער ריז דעם מענטשעלע באַפוילן.

— ס׳איז נישט פאַר דיר און נישט פאַרדינט פון דיר.

— פאַר וועמען דען?

— פאַר דעם, וואָס האָט עס אַראָפּדערלאַנגט, פאַר קאָפּ פון דעם, וואָס האָט עס דערגרייכט פון אויבן.

— פאַר דיר?

— יאָ, פאַר דעם, וואָס שטייט אַף די אַקסל פון ריז...

האָט זיך דאַן דער ריז פאַרן מענטשעלעס רייד דערשראָקן.

האָט ער זיך אוי· פאַרוואונדערט־פאַרכידעשט אַף די רייד, און וואָס צו טאָן, און וויאַזוי די קרוין צו באַקומען נישט געוואוסט, האָט ער זיך דאַן צום אָרט, וואו איך מיט יישמאָעל קויהענגאָדל זײַנען געשטאַנען, געווענדט, האָט ער אַ קוק געטאָן, ווי אַ פרעג געטאָן, באַ יישמאָעל קויהענגאָדל, און אַזוי און אַף אים קוי:דיק, ווי אַף אים און אַף זײַן ענטפער, אַף זײַן זאָג און אַף זײַן לעצט וואָרט געוואַרט...

האָט זיך דאַן אויפגעהאַלטן יישמאָעל קויהענגאָדל און גאָרנישט נישט געזאָגט און קיין וואָרט פון מויל נישט אַרויסגעלאָזט. האָט ער נאָך מיט זײַן האַנט צו דער הייל, פונוואַנען דער ריז מיטן מענטשעלע זײַנען אַרויסגעגאַנגען, אַ מאַך געטאָן, און שטיל ווי אַ וואונק געטאָן אַהין.



But now the midget wants the star / tower-crown for himself. So giant turns to Ishmael for advice

האָבן זיך דאַן וואָלקנס זילבער־ליכטיקע, פוכיק־רירעוודיקע און אומגייענדיקע אַרום דער הייל און אַרום איר מויל זיך קלײַבן גענומען, און זי אַרומגערינגלט און קײַלעכדיק אַרום איר אַרויסגאַנגטיר ווי זיך אויסגעשטעלט. האָט זיך דאַן אויסגעטיילט איר טיר. האָט זיך פון דאָרט באַלד אַ כאַיע באַוויזן, אַ בעריש־ווײַסע און אַ פעלציקע, מיט אַ קאָפּ אַ ווײַס־באַהאָרטן און אויך מיט קערפּער און פיס האָריקע. האָט זיך נאָך דער כאַיע אַ שעפּעלע באַוויזן, אַ שוואַרצס און געגרײַזלטס, און מיט קעפּעלע צום באָדן אַראָפּ, און מיט פּענימל, ווי שמעקנדיק דעם באָדן און פון אונטן און הינטער כאַיע זיך געהאַלטן. זײַנען זיי אַרויס איינס נאָכן אַנדערן. און ביידע זײַנען זיי שאָלעם געוועזן, און ביידע באַפרײַנדעט פון הייל און כאַיע ווי כאַיע און שעפּעלע הינטער כאַיע, און מיט קיין מוירע, און נאָר מיט אַניוועס און מיט אונטערשטעלקייט שעפּלדיקער. האָבן זיי זיך אַזוי געהאַלטן גלײַך, און ביידע האָבן זיך פאַר יישמאָעל קויהענגאָדל פאָרגעשטעלט. און כאַיע האָט צו אים גלײַך געקוקט, און כאַיע האָט אים „וואָס ער האָט באַדאַרפט" געפרעגט, און שעפּעלע באַ זײַט פון כאַיע, און אויך שעפּעלע דאָסזעלבע. האָט יישמאָעל קויהענגאָדל פריער ווי באַקוקט און באַטראַכט זיי ביידע און איינציקע מינוט אַף זיי זײַן קוקן געהאַלטן, האָט ער זיך דערנאָך געווענדט צו זיי, און אַזוי און זיך ווענדנדיק, אַפן ריז און אַפן מענטשעלע, אַף ביידע און אַף דער קרוין זיי אָנגעוויזן:

ענ·וות / גלעזלך

— וועמען קער זי און וועמען קומט די קרוין???

— ביידע!... האָבן מיטאַמאָל די כאַיע מיטן שעפּעלע געענטפערט.

— און ווי געשיקט זיך עס? אַף צוויי קעפּ איין קרוין, ווי איז מעגליך?

— זאָל זשע זי אין הימל בלײַבן, און זאָל זי אַף ביידנס דערגרייכונג פאַר איין לוין־קרוין דינען...

און דאָ האָבן זיך די כאַיע מיטן שעפּעלע פון פאַר יישמאָעל קויהענגאָדל אָפּגעקערעוועט, און אויסגעדרייט זיך און אָפּגעגאַנגען, און צוריק אין הייל זיך אומגעקערט, און דאָרט געזאַמט זיך אַ צײַט. האָבן זיי זיך אָפּגעזאַמט, און די כאַיע האָט זיך מיט אַ שטענדער אומגעקערט, און דאָס שעפּעלע נאָך דער כאַיע — מיט אַ לייכטער און ליכט אַן אָנגעצונדענער. האָבן זיי זיך אַזוי אַרויסגעוויזן מיט דעם געטראָגענעם, און די כאַיע האָט דעם שטענדער פאַר דער הייל אַוועקגעשטעלט, און דאָס שעפּעלע — דאָס ליכט מיטן לייכטער פונאויבן. אָפּגעטאָן זייערס און אין די זײַטן זיך אָפּגערוקט, זײַנען זיי אַזוי שטיין געבליבן, און ווי אַף עפּעס, און וואָס וועט קומען, געוואַרט. האָבן זיי זיך אויסגעוואַרט. און אַפן שטענדער האָט זיך ווידער אַ סייפער באַוויזן, און דער סייפער איז איצט אָפן און גרייט אַף צו לייענען אין אים געלעגן. האָט ער נאָר ווי אַף עמיצן, וואָס זאָל צו אים צוקומען געוואַרט. האָט זיך דעמאָלט ווידער דער הימל־לייענער באַוויזן, און ווידער אַ שטילער און ווידער אַ הימליש־קומענדיקער, און ווידער איז ער גלײַך צום סייפער צוגעקומען, און ווײַטער האָט ער זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט

ספר

שטיל. און דאַן, און נאָכן אָנקומען, און אַזוי און נאָכן אַוועקשטעלן זיך פאַרן שטענדער, האָט באַלד אין סייפער לייענען גענומען, לייענען און אַזויצוזאָגן:

— און דער גלאָק און די קראָ אין גלאָק זיינען אַ מאָשל, און ריז מיט מענטשעלע, און כאַיע מיט שעפעלע — זײַנען אַ מאָשל אין אַ מאָשל. און קראָען וועלן אין גלאָקן וואָרינגען, און קראָען וועלן ריזן פון די היילן אַרויסרופן, און ריזן וועלן געקרוינט ווערן וועלן, און ריזן וועלן ניט דערלאַנגען די קרוינען, און צו קליינע מענטשעלעך און צו קליינע העלפערלעך וועלן אָנקומען, און קליינע מענטשעלעך וועלן יאָ דערלאַנגען, און קליינע העלפערלעך וועלן אַליין געקרוינט ווערן וועלן... און ריזן מיט מענטשעלעך וועלן פאַר כאַיע און שעפעלע זיך מישפּעטן קומען, און כאַיע מיט שעפעלע וועלן זיי מישפּעטן. און שעפעלע מיט כאַיע וועלן דאָס לעצטע וואָרט דאַן זאָגן...

אַזוי האָט דער הימל־לייענער אין סייפער אויסגעלייענט, אויסגעלייענט און אים פאַרמאַכט, דערנאָך זיך צו אים צוגעבויגן און אים אַ קוש געטאָן פאַרן אָפּגיין. האָט ער זיך אויפגעהויבן פון אים צו קושן, און זיך דאַן צו יישמאָעל קויהענגאָדל מיט די אויגן געווענדט און ווי אַ וואונק געטאָן צו אים, און אים אַפן הימל און אַפן מיזרעכזײַט אָנגעוויזן, און יישמאָעל קויהענגאָדל האָט אַ בליק געטאָן צו מיזרעך. האָט שוין דאַן די נאַכט באַ זיך־ענדיקן געהאַלטן, און אין מיזרעך האָבן אַף שאַריען, אַף טאָג און אַף אָנהייבן סימאָנים ווייַזן זיך גענומען. האָט יישמעל קויהענגאָדל זיך דאַן אַ קער געטאָן צום הימל־לייענער, און הימל־לייענער איז נישט געבליבן. און כאַיע און שעפעלע האָבן דעם שטענדער און דאָס ליכט אין הייל אַוועקגעטראָגן — און כאַיע מיט שעפעלע זײַנען שוין מער נישט אַרויס פון הייל... האָט דער ריז דאַן אויך דאָס מענטשעלע פון אינדערהויך־דאָס־האַלטן אַראָפּגעלאָזט, און מענטשעלע איז, פונוואַנען ס׳איז אַרויס, אַרײַן. האָט זיך דאַן אויך דער ריז צו דער הייל געקערעוועט, און פריער מיט קאָפּ און דערנאָך מיט קערפּער, און דאַן מיט צווייטער האַלב, און לעסאָף אויך מיט פיס אַהין פאַרשוואונדן. זיינען זיי נישט געבליבן קיינער, און אויך גלאָק האָט זיך פון זײַן אָרט אָפּגעטאָן, און איך און יישמאָעל קויהענגאָדל, זיינען פאַר אַלעם דעם נישט־בלײַבנדיקן און פאַר דעם אַלץ־פאַרשוואונדן־ווערנדיקן, געשטאַנען. און שטיל איז געוואָרן פונאַריבן, און אַלעס אויפגעעפנטס האָט זיך פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן ווי געוועזן, און פון דער הימלהייל איז קיין זייכער נישט געבליבן, און פון מויל פון הייל און פון די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אַרום דעם געזאַמלט, איז שוין קיין סימען און קיין. שפור נישט צו באַמערקן געוועזן. האָט דאַן, ווי טאָמיד, און ווי אַלע באַכט, דאָרט דער הימל געטונקלט און ווי פאַר פאַרטאָג דאַן אויסגעזען. האָט זיך דאַן יישמאָעל קויהענגאָדל געווענדט צו מיר, און מיר אַפן מיזרעך און אַפן אָנהייב־טאָג אָנגעוויזן, און אַז די נאַכט שוין באַ פאַרגיין האַלט, און אַז אויך זײַן צײַט צו מישקן זיך אומצוקערן איז געקומען. האָט ער מיך אָפּגעזעגנט און מײַן קאָפּ געבענטשט. האָט ער זיך דערנאָך פון מיר אָפּגעקערעוועט און שטיל צום מישקן, צום איבערגעלאָזטן, זיך אַוועקגעלאָזט...



בין איך דאַן אַזוי געבליבן אָן יישמאָעל קויהענגאָדל. און פלוצלום, און מײַן שטייאָרט האָט זיך גערירט פון אונטער מיר, און דערפילט האָב איך, אַז איך זינק, און ערגעץ לאָז איך זיך אַראָפּ מיטן אָרט. און די אויגן האָבן מיר זיך צוגעמאַכט, און אַלץ גרינגער און גרינגער, און נידעריקער און נידעריקער האָב אַראָפּגעזונקען, און אַ צײַט און אַ לאַנגע צײַט האָב איך גענידערט אַזוי. און פלוצלום האָב עפּעס אַ באָדן דערפילט, אַ גוטן און אַ היימישן, און אין אַן ערדישן און אין אַ פרימאָרגנדיקן האָב זיך אָנגעשלאָגן. האָב איך באַלד די אויגן פון פאַרמאַכטקײַט אויפגעעפנט. האָב איך זיך פאַר מײַן היים דערזען, פאַר מײַן שטוב און פאַר מײַן שוועל, און פאַר טאָג און אין יישעוו פאַרטאָגיקן, און נעוויאים און יונג־נעוויאים, אין רעדלעך און אין בינטלעך, האָבן פונלאַנג און פון נאָך באַנאַכט אַף מיר און אַף מײַן אָנקומען געוואַרט...

בּ.

... און אַזוי האָב איך געזאָגט צו די אַלט־ און יונג־נעוויאים אין דער ערשטער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך אַף אונזער באַרג און אין הייל דאָרט אַ געמאַכטער זיך צונויפגעקליבן, אַזוי האָב איך זיי געזאָגט:

— ברידער און פריינט מיינע צו איין דאָר און צו איין געדאַנק אונזערן אומגעהייער איז דער צאַר פון האָבן־זיך און זיך־פאַרלירן, גרעסער און אומגעהייערער איז די פרייד אָבער פון צוריק און נאָכאַמאָל זיך געפינען...

און אין יעדן דאָר, און אין יעדן גילגל האָבן מיר אונזערן א ברודער און אונזערן אַן אייגענעם געהאַט, וואָס האָט זיין לעבנלאַנג אַ זיינסגלייכן און כאָטש נאָך אַן איינעם צו זיך געזוכט; געזוכט און זיינע יאָרן אַרומגעבלאָנזשעט, גערופן, און זיין קאָל האָט ווי אין מידבאָר אָפּגעקלונגען, און נישט באַשערט איז אים געווען נאָך אַזאַ איינעם צו געפינען, ווייל דער דאָר איז נישט ווערט געווען, און די צײַט זיינע איז נישט ראָע געווען מער ווי צו איינעם. און צווען און בייזיין האָט באַדאַרפט אַליין ער, און גלוסטן און שטאַרק גלוסטן פלעג צו אַ ברודער צו זיינעם, אום מיט אים זיך וועגן זייערס און זיינס און וועגן אַלגעמיין־ברידערשעס זיך צו טיילן. האָט ער נישט געהאַ, און ס׳איז אים נישט באַשערט געווען צו האָבן. און אָפּלעבן פלעג זיין וועלט און אַוועקגיין פלעג פון איר נישט קיין אויסגערעדטער, און זיין זאַך איז מיט אים אָפּגעשטאָרבן, און קיין יוירעשי און קיין איבערנעמער איז באַ זיין טויט און באַ זיין צוקאָפּנס נישט געשטאַנען.

און אויפגיין פלעג די נעשאָמע זיינע אַן עלנטע, און שטיל צום נעשאָמעטויער פלעג צוקומען, און אָנקלאַפּן פלעג זי דאָרט אַ שטילע, און אַ שטילער טויערמאַלעך פלעג זי באַגעגענען אַרויסגיין. און דערזען פלעג זי דער מאַלעך און נישט פרעגן פלעג שוין באַ איר גאָרנישט, ווייל אויך נישט געפרעגט האָט שוין אַליין פאַרשטאַנען, אַז אָרעם און פאַרשמאַכט איז איר לעבן פאַרגאַר און אין טרויער און פאַרצאַרט איז זי צוריק צו איר היים געקומען. האָט דער

מאַלעך פאַר איר קיין טרייסט נישט געהאַט, פלעג ער זי נאָר באַגעגענען און באַטראַכט און אַף איר קוקן אָן ווערטער, און שטיל און בעשאַס באַגעגענען זי, פלעג אַ נעשאָמע און אַן ענלעכע צו איר אַרויפפירן, און שטיל אויך י ע נ ע, איינע אַליין און אַף דער וועלט זי אַראָפּלאָזן...

זיינען מיר אַזוי איינציקע און פאַרלאָזטע געווען, און אין פאַרשיידענע וועלטטיילן און אין פאַרשיידענע לענדער־ערטער זיינען מיר אַף דער וועלט אַראָפּגעלאָזט געוואָרן, און קיינע סימאָנים און קיינע איבערבלייבונגען האָבן מיר נישט געלאָזט נאָך זיך אַף אונזערע ערטער. און ביז די צייט איז געקומען, און ביז די דוירעס זיינען ראָע געוואָרן, און אַלע מיטאמאָלי, און אַלע א י נ א י י נ ע ם זיינען מיר געבראַכט געוואָרן, און אויסגעשטאַנען זיינען מיר אין אונזער צייט, וואָס קיינע צייטן איז מען נישט אויסגעשטאַנען, און בייגעווען זיינען מיר אַזוינס, וואָס אין קיין צייט האָט זיך אַזוינס גאָרנישט געכאָלעמט. און אַלט געוואָרן זיינען מיר פאַר אונזער עלטער, און פאַרעלטערט אין אונזער פריי־יוגנט. און אַף אונזער וועלט איז אַ בראָך געקומען, און מיר האָבן זיך נישט גערייכט אַף אים, און אַף אונזער לעבן — אַן אומגליק, און מיר האָבן אים אפילע באַם נאָמען נישט געקענט אָנרופן. האָט עס אונז נידערשלאָגן זייער, און מיר האָבן זיך פאַרלאָרן אַף אַ צייט. זיינען מיר יעדערער צו זיין גאָט געגאַן פאָרשן, אַף אונזער קיעם און אונזער ווייטערדיקן צו פרעגן. האָט מען אונז געענפערט, אַז וואָס געווען, איז געווען, און איצט, און מיר מוזן זיך געפינען אַלע. האָבן מיר זיך זוכן גענומען. האָבן מיר זיך געמיט אַ צייט, און שווער איז דאָס אונז אָנגעקומען, און יישמאָעל קויה־גאָדל האָט אונז געהאָלפן אין דער זאַך. און איצט, און מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אַלע, און היינט, און מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַהער, צום גליק אונז אַף באַרג, און צום מאַזל אין דער הייל פון באַרג געפונען זיך...

ברידער און פריינט מיינע צו איין וועלט און צו איין געוועזענעם אונזערן!

און וויסן זאָלט איר זיין, אַז ערגעץ קוקט מען אַרויס אַף אונזער וועלט,

און וויסן דאַרפט איר אויך, אַז ערגעץ וואַרט מען אַף אונזער קומען. ווייל פּעק מיט גוטס האָבן מיר פון אונזערע וועגן געבראַכט, און מיט אונזער גוטס קאָנען מיר אַסאַך און פיל־פאָלק, פאַרטיילן. לאָמיר זשע איצט צעפּאַקן אונזערע פּעק, און לאָמיר איצט פון אונזער גוטס און געבראַכטן וויסן...

ברידער הייליקע!

און געווען איז עס דאַן, ווען איך האָב צו מיין גאָט זיך געלאָזט, און געשעהען איז דאָס מיט מיר, ווען איך האָב אַ לאַנגן גאָלעס אָפּגעריכט, בין איך אַמאָל אין אַ עקלאַנד געקומען, וואו אַף די גרענעצן דאָרט זיינען צוויי בערג געשטאַנען. האָט אַף איינעם אַ באַרג דער באַרגגייסט געוואוינט, און אַף דעם צווייטן — אַ שאָף דאָרט אַ פאַרבלאָנזשעטע. האָב איך דערזען דעם באַרגגייסט, ווי ער איז אָפּגעריסן און ווילד, פאַרשטויבט און פאַרוואָרלאָזט אַרומגעגאַן, און די גאַנצע טעג האָט אַף די יענעם פון באַרג באָרוועס און אַף די שטיינער דאָרט געקלע־



Flash back to his [illegible] : between 2 mts
Mt. Spirit & 2 lamb

טערט, און אַפן צווייטן באַרג האָט זיך די שאָף געפּאַשעט, און אָן אַ באַלעבאָס, און אָן אַ האַר אַף זיך, האָט איינע אַליין און אין אַ הייל דאָרט געוואוינט...

בין איך אַהין אָנגעקומען און זיך דאָרט באַזעצט צווישן די בערג, און שוין פון ערשטן טאָג, און באַלד נאָך מיין באַזעצן זיך, האָב דעם גייסט און דער שאָף, דער שאָף און דעם גייסט נאָכקוקן גענומען. האָב איך געזען, ווי אין אַ טאָג, אין אַ מיטן אַמאָל, דער גייסט אַף באַרג און פון קלעטערן שטעלט זיך אָפּ, האַלט זיך אויף און גלייכט זיך אויס און מיטן פּאָנים צום צווייטן באַרג דאַן שטעלט זיך. געפינט זיך דאָרט די שאָף אים אַנטקעגן און אין עסן און אין פּאַשען־זיך איז פאַרטיפט און פאַרטאָן דאַן, קוקט אַף איר דער גייסט און לאַנג אין אויג זי האַלט, און ביז די שאָף זיין קוק און זיין בליק אַף זיך דערפילט, און זי שטעלט זיך אָפּ און האַלט זיך פון פּאַשען אויף, און דעם קאָפּ צו גייסט דאַן קערעוועט, באַטראַכט און באַקוקט אויך זי דאַן דעם גייסט, און דאַן און נאָכן אָנקוקן־זיך ביידנס, אַ שמועס און אַ מיטן־טאָגעדיקן פאַרפירט דאַן דער גייסט, און אַזוי זאָגט ער צו שאָף:

— ווער זעט דיך און ווער הערט דיך, אַז דיין האַר איז פאַרהוילן? ווער מעלקט דיך און ווער שערט דיך, אַז קיינער דיך דאַרף ניט? שאָף, גיי אין יישעוו...

— שאָף, גיי אין יישעוו... און אַף וועג וועל דיך בענטשן, ווייל גייסט האָט די בראָכע, און נישט פאַר דיר איז דאָס עקלאַנד, און נישט פאַר שאָף דאָ צו וואוינען. אַף גראָזן, אַף פּאַשע, מיט שאָף און דיין גלייכן, אַ האַר זאָלסטו האָבן, און לעמער געבוירן, געמאָלקן זאָלסט ווערן און ווערן געשוירן, אַף נאַרונג און נוצן דיין האַר אין די נויטן — און גייסט דאָ דיך דאַרף נישט, ווייל גייסט אַף עק לאַנד איז...

— שאָף, גיי אין יישעוו. אַ הונגער אין לאַנד איז, אַ הונגער אַף פיך דאָרט, אַ הונגער אַף ברויט און אַ הונגער אַף גראָזן, און לאַנדלייט פאַרשמאַכט און זיי וואַרטן אַף הילף דאָרט, און מוטערס נישט האָבן די קינדער צו זויגן, און אַ מאַלעך אין הימל איז דורכגעפלויגן, און געזאָגט האָט דער מאַלעך, אַז שווערע נאָך צייטן דעם לאַנד שטייען פאָר, און נאָך הונגערן, נויטן, און מאָרדן, געשלעגן, און שלאַפקייטן, טויטן. נעם צו זשע די בענטשונג פון גייסט, וואָס ער בענטשט דיך, נעם אָן זיך דאָס גוטס פונעם גייסט און פון עקלאַנד, און לאָז זיך אַהין מיט די אייטערלעך־בראָכע, און לאָז זיך אַהין און קום דאָרט צום מענטש אָן, שלאָג אָן זיך אין טיר און בלייב שטיין ביז ער עפנט און עפנט ער אויף, דאַן קני פאַר אים קניענד און זאָג אים: מיין האַר, איך קום פונדערווייטן, כ׳האָב געהערט פון דיין נויט, און אין לאַנד, וואָס סע טוט זיך, און אַז הונגער דאָ הערשט, און אַז לאַנג וועט נאָך הערשן, און דיין קינד איז פאַרשמאַכט און סע האָט נישט צו זויגן, בין געקומען אַצינד מיט צוויי אייטערלעך פולע, מיט קריגעלעך צוויי און מיט שאָפענער מילך, געבענטשט פון דעם גייסט



Spirit urges the lamb to descend to a human settlement crying out in need.

און מיט ציגענער בראָכע, פאַר קינד פון דײַן ווײַב אף דאָס שפײַזן און נערן, פאַר קינד וואָס דיר ליב, און אַף ציפ־צאָפ זיך צאַפן.

און אויסהערן פלעג די שאָף די רייד פון גײַסט, פלעגט זי אים אַזוי אַ צײַט אין די אויגן קוקן, קוקן און נישט איבערשלאָגן, אים אויסהערן און ביז ער האָט זײַנע רייד געענדיקט.

און דאַן, און אַז ער האָט אויפגעהערט צו ריידן, פלעג זי די אויגן פון אים צו באַטראַכטן צונעמען, און דאָס קעפעלע אַף דער ערד אַראָפלאָזן, פלעג זי דאָס אַראָפבויגן, און ווי גאָרנישט נישט געווען, ווײַטער זיך צום גראָז צופן נעמען. פלעג זיך אויך דער גײַסט פון זײַן אָרט דאַן אָפטאָן. און ווײַטער האָט ער אַף זײַנע שטיינער קלעטערן גענומען, און ווידער, און ווי זײַן שטייגער, אַזוי דעם גאַנצן טאָג צו פאַרברענגען, און אַזוי, און שוין אָפגעזונדערט און נישט אָנקערנדיג זיך איינס מיטן אַנדערן, דעם גאַנצן טאָג און זיך שוין נישט באַגעגענען איינס מיטן צווייטן.

גאָר פאַרנאַכט, ווען שטיל און אָוונטרו פלעג אין די בערג אָנקומען, און קיין קלאַנג און קיין קאָל האָט שוין נישט פון טאָל און נישט פון ערגעץ אַהין דערגרייכט, באַגעגענען פלעג ווייטער דער גייסט מיט שאָף זיך, און ווייטער זיך דערזען, און ווידער איינס אַנטקעגן צווייטן זיך שטעלן. פלעג דער גייסט זיך ווידער צו דער שאָף קערעווען, קערעווען און איר אַזוי זאָגן:

— שאָף, שאָף! און אַז די נאַכט וועט זיך אַף אונדז אַראָפלאָזן, ווער וועט דיך דערמאָנען? און אַז די בערגרו וועט אונדז באַרואיקן, ווער וועט דיך געדיינקען? און דער גייסט וועט דאָך באַלד שלאָפן גיין, און אין שלאָף וועט מיט כאַלוימעס פאַרנומען זײַן, און אין כאַלעם וועלן זיך אים לייטערס אויפשטעלן. און דורך די לייטערס וועט אין הימל אויפגיין, און זען וועט ער דאָרט טשערעדעס אַף פאַשע פאַשען זיך, אַף גריבער און אַנטקעגן הימלען ליכטיקע, און אַלע שאָף דאָרט אינאיינעם זײַנען, און נאָר איינע אַף אַ בערגל און אָפגעזונדערט שטייט. און פרעגן וועט ער: „פאַרוואָס שטייט די שאָף באַזונדער?" און ענטפערן וועט מען אים, ווייל זי האָט פאַרדינט, און זי איז ווערט אַזוי צו שטיין. און אַז ער וועט ווידער „פאַרוואָס?" פרעגן, וועט מען אים ענטפערן, דערפאַר ווייל זי האָט דעם שאָף־געבאָט נישט געהיט, און די שאָפענע מיצוועס נישט אָפגעהיט... שאָף, שאָף! און וויסן זאָלסטו זײַן, אַז אין די בערג זײַנען וועלף פאַראַן, און וועלף אַף דײַן קערפער לאָקערן, און די וועלף האָבן שוין אַף דיר גוירל געוואָרפן, און צווישן זיך דײַן הויט און דײַן ביין צעטיילט... און וואָס וועט זײַן, אַז זיי וועלן אַף דיר אָנפאַלן, ווער וועט דיך דאַן שיצן, און וועמענס הינט וועלן דיך דאָ אָפשרייען? אַז באַנאַכט ביזט אַליין, און דער גייסט איז מיט זיך פאַרנומען, און דער גייסט דאַן כאַלוימעס זעט, און די כאַלוימעס שלעכטס דיר זען? שאָף, שאָף!

Mt. spirit sees lamb's imminent?² death should she remain on the mt.

אַזוי פלעג דער גייסט דאַן צו דער שאָף פאַרנאַכט ריידן, און אַזוי איין טאָג, און אַזוי אַ צווייטן, און אַזוי געהערט האָב איך אַ דריטן טאָג, און דאַן און נאָך דער נאַכט דער דריטער, און אינדערפרי און אָפן פירטן טאָג, האָב געזען, ווי די שאָף האָט פון באַרג אַראָפגענידערט און פאַמעלעך אין טאָל אַראָפגעקומען. האָט זי זיך אָפגעשטעלט און מיך דערזען אין טאָל, האָט זי מיך באַטראַכט אַ ווײַלע, און שטיל, און מיך אָפבאַטראַכטנדיק, האָט זי אויך פון טאָל און פון באַרג זיך אַרויסגעלאָזט...

בין איך נאָך געבליבן נאָך אַוועקגיין פון שאָף, האָב איך זיך צום באַרג און צו זײַן הויך צוגעהערט, און אַ צײַט אויך אַרויפגעקוקט אַרויף, האָט זיך דאַן פון אויבן דעם גייסטס אַף די שטיינער־קלעטערן זיך דערהערט, און באַלד, און איך האָב אויך; דערזען דאָרט דעם גייסט, האָט ער זיך אָפגעשטעלט און פלוצלים און אַף זײַן אָרט זיך פאַרהאַלטן, און אַזוי געבליבן, און ווי זײַן שטייגער, מיטן פאָנים צום צווייטן באַרג זיך געקערעוועט, האָט ער זיך געווענדעט צום באַרג און אַזוי געזאָגט צו אים אַנטקעגנדיקן:

— און זאָל דאָס הערן, ווער ס'וועט הערן, און זאָל זיך דאָס פאַרצייכענען אויך דער, וואָס אין טאָל געפינט זיך, אַז די שאָף האָט אונדז געפאָלגט, און אויך אַלע דאַרפן אונדז פאָלגן, און דאָ איז קיין אָרט נישט פאַר קיינעם, און אַלע דאַרפן פאַרלאָזן מיך דאָ, און זאָלן זיי גיין, וואוהין מ'נויטיקט זיך אין זיי, און זאָלן זיי דעם גייסט דאָ אַליין און אַף זײַנע שטיינער לאָזן...

האָב איך דאָס אויסגעהערט און באַלד געפאָלגט דעם גייסט, האָב איך זיך באַלד פון טאָל אַרויסגעלאָזט, און באַלד מיין וועג צום יישעוו אָנגעריכט, און באַלד האָב איך פאַר זיך די שאָף גיין געזען, און דאַן, און שוין נישט אָפגעשטאַנען פון שאָף...

ברידער און פרײַנט מײַנע!

און דאָס גיב איך אײַך איבער, און דאָס בעט איך אײַך געדיינקען אַלע, און נישט זאָגן זאָל פון אייך קיינער, און נישט טראַכטן זאָל פון אונדז קיין איינציקער, און נישט מיינען זאָל מען, אַז די צײַט אונדזערע איז אַף אָפצוזונדערן זיך אַצינד און אַז דאָס גוטס, און אַז דאָס געבראַכטע אונדזערע, איז נאָר פאַר אונדז געבראַכט. ווער ס'טראַכט אַזוי, דער נישט צו אונדז געהערט, ווער ס'מיינט אַזוי, דער איז פון פאַלש פאַרפירט.

ברידער און פרײַנט מײַנע צו איין דאָר און צו איין דייע אונדזערער!

און וויסן דאַרף אונדזער דאָר, אַז דאָס ביזאַהעריקע און דאָס פון א יי נ צ י ק ע געזאַמלטע, דאַרף איצט צווישן פיל־פאָלק צעטיילט ווערן, און געדיינקען דאַרפן מיר אַלע, אַז אונדזערס און דאָס געבראַכטס פון אונדז, איז אַדאַנק פ י ל ע געבראַכט געוואָרן. און מערנישט ווי שאָליכים זײַנען מיר געווען, און נישט צו אונדז געהער דאָס, וואָס מיר פאַרמאָגן, און נישט קיין אייגנס איז דאָס, וואָס מיר האָבן, און נאָר אַף אַ צײַט אַף אַ שלעכטער איז דאָס אונדז איבערגעגעבן געוואָרן, און



sholikhim = שליחים

אַצינד, און א ו י ס איז די צײַט, און די צײַט אַף אונזערע באַגלויבערס דאָס אומצוקערן איז געקומען. דאַרפן מיר דאָס אומקערן אונזערע באַגלויבערס, און ביז אַ קלײניקײַט, און ביז אַ מינדסט, און נישט איבערלאָזן באַ זיך גאָרנישט, און נישט פאַרלייקענען, כאָלילע, קיין זאַך. אום, כאָלילע, זיך נישט גרויס צו האַלטן, אַז דאָס, וואָס איז אונז פאַרבליבן, א י ז מ ע ר נ י ש ט פ אַ ר אַ נ ע ן און נ י ש ט אָ באַ קײנעם. אָפּגעבן גיט עס אַלץ, פרײַנט מײַנע, ווייל אַף ד ע ם באַדינג נאָר איז דאָס אײַך איבערגעגעבן געוואָרן, און אַף דעם אויפן נאָר איז אײַך געטרויט און באַהאַלטן געגעבן געוואָרן דאָס אַלץ... און אָט געפינען מיר זיך דאָ אין הייל אַצינד, און נאַכט און באַרג פאַרשטעלן און זונדערן אונז אָפּ פון אַלץ פון אויסער־הייל, אָבער באַלד וועלן מיר זיך אַרויסלאָזן אינגיכן, און קיינער וועט דאָ נישט בלײַבן, און קיין איינציקנס טריט וועט דאָ אין אָפּגעזונדערטקײַט נישט טרעטן, נאָר אַלע אין פאָלק אַרײַן, נאָר אַלע אַף טרייסט אין פאָלק.

און אַזוי האָט מיר יישמאָעל קויהענגאָדל געזאָגט:

— פון אײַער כורווע קוקט אַ גראָז אַרויס, און אין אײַער שטוב דער אײַנגעפאַלענער, שטילע וואונדער באַווײַזן זיך... און באַנאַכט, ווען די כורווע־פיקסלעך באַפוילן אײַך אַף צו נישטערן און עפּעס אין אײַערע אײַנפאַלונגען צו זוכן; און ווי נאָר איינס פון זיי אַ מינדסט שטיקל ליים, צי אַ ליאַדע ציגל, צי אַ ברעטל מיטן פיקסל, צי מיט אַ פיסל צערודערט, אַזוי טוט דעם באַלד אין די אויגן עפּעס אַ שײַן אַ בלענד, און נישט קיין נאַכט זעט שוין פאַר זיך דאָס פיקסל נישט קיין פינסטערניש, וואָס אין נאַכטכורווע, נאָר עפּעס א ו נ ט ע ר ־ כ ו ר ו ו ע ־ ד י ק ע ס טוט דעם אַ ליכטיק, אַ ווײַזט זיך און אין די אויגן אַ שלאָג, בלײַבט עס שטיין און ס׳איז פאַרבלענדט אַ צײַט, און דערנאָך, און ס׳געוואוינט זיך צו צום אויסערגעוואוינטליכן, און דאַן, און ס׳דערזעט עפּעס, דערזעט און בלײַבט פאַרגאַפט דאַן אויסן...

און זען זעט דאָס פיקסל:

— אונטער דער ערד א פּאַלאַץ באַווײַזט זיך, אַ ליכטיקער און מיט פיל ליכטיקײַט באַלויכטן. און דער פּאַלאַץ איז פון ווײַסן שטיין געבויט, און מיט גאָלד און גינגאָלד, איז פאַרזעצט און אויסגעצירט אין ווײַסשטיין; און די ווענט זײַנע מיט געמעלן און מיט פאַרשיידענע; בילדער אויסגעמאָלט, און די סטעליע איז הויך דערהויבן, און די מ י ט אירע עפּעס ווי אַ באַרג און אַן אַרויפגייענדיקן בילדעט. און גרויס און ברייט איז דער פּאַלאַץ, און זײַן בריק איז מיט גלאַטשטיינער געפלאַסטערט, און ליידיק און נישט פאַרנומען מיט גאָרנישט איז ער, און קיין זאַך און קיין הויזראָד געפינט זיך נישט אין אים, און נאָר אין דער מיט, אַף זײַן בריק, עפּעס א שטול מיט אַ הויכער אָנשפאַרוואַנט דאָרט שטייט. און הויך איז די שטול, און טרעפּ פירן צו איר אַרויף, און איר געזעס איז נישט פאַרנומען פון קיינעם, און מיט זײַן שטיל־ און־ ליידיק־שטייענדיקײַט, ווי אַף עמיצנס



קומען, און אַף עמיצנס אויף־אים־אַרויפגיין וואַרט, וואַרט ער אַזוי, און קיינער ווײַזט זיך נישט צו אים...

עפנט זיך דערנאָך אַ טיר אין פּאַלאַץ, און מענטשן פון פאַרשיידענע עלטער גייען אַרײַן, און אין די הענט און אין די אויפגעהויבענע פון די מענטשן, די אַרײַנקומענדיקע, צו פּאָר לײַכטער מיט ליכט אין זיי אָנגעצונדענע געפינען זיך, און די מענטשן זײַנען שטרײַנג געקליידט, און דאָס אָנטאָן זייערס איז נזיריש־שוואַרץ, און די קליידער זייערע זײַנען לאַנג אַראָפּגעלאָזט, און די פּאָלעס ביזן בריק אַראָפּ דערגרייכן. און יעדעס קלייד פון יעדן איינעם איז מיט אַ גאַרטל פאַרגאַרטלט, און דער גאַרטל די לענדן פאַרשמאָלט, און די צוויי עקן פון גאַרטל אַף אַראָפּ און פונפאָרנט אַראָפּלאָזן זיך... גייען זיי אַרײַן און קומען אָן, און די ליכט באַ זיי מיט פײַערליכקײַט און מיט יאָנטעף ברענען, און די לײַכטער, וואָס אין די הענט באַ זיי, זײַנען זילבערנע און פון העלקײַט און פון יאָנטעפדיקײַט באַהעלט, קומען אָן און שטעלן זיך אין צוויי שורעס אויס, און די שורעס פון דער טיר ביז דער שטול דערגרייכן, און אַ וואַרע אַ מענטשישע, אַ צוויי־שורעדיקע און אַ רואיקע בילדן, וואַרטן זיי אַזוי אַ ווײַלע...

באַווײַזט זיך דאַן אין דער טיר איינער אַ שטילער און געקרוינטער, מיט אַ שטילן אויסזען און מיט אַ פאַרהוילענעם אַרײַנגאַנג אַזוינעם... און אָנגעטאָן איז דער איינער אין ווײַסן, און זײַן קלייד איז פון עכטן און פון ווײַסטן שטאָף געמאַכט, און אויך ער איז באַגאַרטלט, און פון ז ײַ ן גאַרטל צוויי עקן אַראָפּלאָזן זיך, און אויך באַ אים די גאַרטלעקן צו זײַנע פיס און צו זײַן קלייד אַראָפּהײַנגען. ווײַזט ער זיך און קומט אָן אַף דער טיר. האַלט ער זיך אַף איר אויף אַ ווײַלע, און דאַן, און גייט די וואַרע דורך, און צו דעם שטול גענעהענט און אויף אים זיך זעצן גייט אַרויף...

עפענען זיך פון אַלע ווענט דאַן די טירן, און פיל מענטשן און פיל־פאָלק דאָרט באַווײַזט זיך, און דאָס פאָלק פילט דעם זאַל דאַן אָן. און פון אַלע ווענט און פון אַלע טירן פון די ווענט און אויך פון דער סטעליע און אויך פון באַרגהויך פון אירער, שפּילערס און זינגערס מיט קיילים אַלערליי און קאַפּעליעס גאַנצע באַווײַזן זיך.

און די שפּילערס צו די קיילים נעמען זיך, און די זינגערס און די קאַפּעליעס זיך אויסשטעלן, און פון סטעליעשפּיץ, און פון ס...ע באַרגהויך פון אירער, איינער אַ שפּיל־און־זינגמײַסטער באַווײַזט זיך, און צו די זינגערס און צו די שפּילערס באַלד אַף שטיל־זײַן און אַף צוגרייטן זיך אַ סימען גיט. גרייטן זיך דאַן צו דאָרט אַלע, און איבערן זאַל אַ פאָרשפּילן און אַ קיילים־אויספּרוּוון דערהערט זיך...

טוט דאַן פלוצלום און פון אַלע ווענט מיטאַמאָל עפּעס אַ שײַן אַ שלאָג, און דער זאַל דאַן העל באַלויכטן ווערט, און די ליכטיקײַט פון אַלע פּענימער און אַפן פּאָנים פון דעם, וואָס אַף דעם שטול זיצט, רוט. האַלטן זיך דערווײַל אויף

און גרייטן זיך צו דאַן אַלע. און דאַן, און דער שפּילמייַסטער טוט אַ וואונק אַ שטילן, און אַלע מיטאַמאָל דאָס זינגען־שפּילן הויבן אָן···

און אַ געזאַנג דאַן דערהערט זיך, און דאָס געזאַנג ווערט פון די קיילים באַלייט, שטאַרקט זיך און דערהויבט זיך פון וויַיל צו וויַיל. און שפּילקיילים שטייען ניט אָפּ און אינאיינעם מיטן זינגען דערהויבן זיך. און שפּילקיילים אַף בערג גייען אויף, און אין טאָלן נידערן, און שפּילקיילים ווידעראַמאָל דערהויבן זיך, און אַף הויכע און וויַיטע בערג שוין בלייַבן···

און זען זעען דאָרט די קיילים, ווי אַ נאַכט אַף וועלט און אַף דר׳ערד איז אויסגעשפּרייט, אָבער די נאַכט שוין באַם סאָף, און די פינסטערניש שוין פאַרן נישט־בלייַבן האַלט··· און פּלוצלום, און דער הימל אַף בערג דאָרט עפנט זיך, און מיטאַמאָל אין סאַמע מ י ט זיך שפּאַלט··· און נישט ווי דער וועלטשטייגער און נישט ווי אַלעטאָג דער טאָג איצט ווייַזט זיך. נישט פון קיין הימלעק און נישט פון קיינע האָריזאָנטפּאַרוקטקייַטן, נאָר פון הימלס אינדערמיט, און מיט זון און מיטאַמאָל קומט אַרויס, און די זון שוין הויך און גרייט איבער בערג דאָרט שטייט··· און פּלוצלום, און אַרום דער זון עפּעס קליינע זונעלעך אַרויסקומען, און אַרום דער מיטלסדיקער, אין אַ ראָד און אין אַ קייַלעכדיקער, שטעלן זיך אויס. און אַרום יעדער זון אַ פויגלראָד דאָרט דרייט זיך, מיט אַ געמאָסטן דרייען־זיך און מיט אַ געזעצמעסיקן אַזוינעם, מיט אַ שטיל־שוועבן און מיט אַ הויך־זיך־האַלטן פון פייגלעך. שוועבן זיי פּאַמעלעך און דרייען זיך אַזוי אַרום די זונען, און נאָר די זון די מיטלסדיקע אָן אַ פויגלראָד, און נאָר מיט די זון באַגלייטערס אין אַרומגערינגלט···

קוקן אַהין און דערזעען דאַן די קיילים, ווי פונאַונטן און פון איין אָרט ערגעץ אויסגעוואַקסן אַ פויגל איינער, אַ שטילער און אַן איינציקער, אַן אָפּגעזונדערטער און פון אַלע אַנדערע אָפּגעטיילט באַווייַזט זיך, און גלייַך צו זון, און גלייַך צו מיטלסדיקער לאָזט זיך··· און קיילים אַרויפשרייַען נעמען צום פויגל, און קיילים וואָרענען נעמען דעם פויגל, אַז נאָהענט צו זון איז אַ סאַקאָנע פאַר פויגל, און אַז אינדערהויך און נאָהענט צו איר אַ פויגל פאַרפאַלן דאָרט און פאַרסאַרפּעט ווערט. הערט ער זיי אָבער נישט, און אַלץ אַרויף, און אַלץ צו זון ציט זיך, און אַלץ נעהענטער צו איר פליט··· און אומרואיק ווערן די קיילים און אַרויפרופן נעמען צום פויגל: און זאָל ער הערן, און זאָל ער דערהערן, די געפאַר ווערט גרעסער, און זאָל ער זיך פון זייַן וועג אומקערן. הערט זיי אָבער אַלץ ניט דער פויגל, און הויך איז ער שוין, און פּיצלדיק איז זייַן אויסזען, און באַלד וועט ער שוין ווי אַ שוועלבעלע זייַן, און באַלד וועט פון אויג, ווי אַ שוועלבעלע, פאַרשווינדן··· דערשרעקן זיך דאַן און ציטערן אויף די קיילים, און אַ שאַליאַך נאָך אַ שאַליאַך, און אַ לויפער נאָך אַ לויפער דאַן שיקן, און אַ וואָרנונג נאָך אַ וואָרנונג, און אַ געשריי נאָך אַ געשריי אַ גרויסן. איז ער שוין אָבער הויך און זייער הויך, און זייערע געשרייען נישט דערגרייכן שוין צו זייַן

heavens split open

instruments frantically warn the bird not to get too close to the sun



הערן, און זייערע וואָרנונגען און קאָל־שאָליכים שוין צ ו ווייט פון אים, אים צו דעריאָגן··· און אָט איז ער שוין וויַיט אַרויף, און אָט איז ער צו דער זון שוין אונטערגעקומען, און באַלד, און ער וועט פאַרשוואונדן ווערן, און אָט איז ער ש ו י ן פאַרשוואונדן··· און קיילים אויסן בלייַבן, און קיילים פאַרלוירן ווערן וויַיל דער פויגל איז פאַרפאַלן געוויס, און דער פויגל האָט פאַר נישט הערן מיט לעבן און מיט לייַב באַצאָלט··· און שוין נישט ריכטן ריכטן זיך אַף אים די קיילים, און שוין נישט אַף זייַן געבייַן, און נישט אַף זייַן צוריקקערן, און נאָר אַפן אָרט, וואו ער איז ערשט געווען און איצט נישט געבליבן, קוקן, קוקן און באַדויערן יענץ אָרט··· און איינציקע קיילים שטיל צעוויינען זיך אַף קיילים־קאָל, און אַלע איבעריקע זייער שטיל־געוויין פאַרנעמען. און פּלוצלום, און די גאַנצע קאַפּעליע, און אַלע מיטאַמאָל כאַפּן זיך אויף פון געוויין, און אַלע מיט אַן אויסגעשריי, מיט אַ פרייד און אַ סימכע אַ נישט קיין אויפגעהאַלטענער:

— דער פויגל! דער פויגל צוריק!

און דערזען דערזעען דאַן די קיילים, ווי דער פויגל נאָכן זאַמען זיך אין זון צוריק אַרויסקומט און קערט זיך אום פון דער הויך. און קליין און פּיצלדיק צוערשט, און דערנאָך גרעסער און גרעסער אַלץ ווייַזט זיך. און נישט אַליין, און נישט ווי אַוועקגעפלויגן קומט ער איצט, נאָר מיט עפּעס נאָך באַלייט, און ווי מיט נאָך עפּעס אַ פליענדיקס אַף זייַן וועג. און נישט צו זען, און נישט צו באַמערקן איז דאָס אים־באַלייטנדיקע, צי אַ פויגל, צי עפּעס אַן אַנדער זאַך פליט אים נאָך. ווייַזט ער זיך דאַן פון דער הויך אַרויס, און אַלץ נידעריקער און נידעריקער אַראָפּגעלאָזט זיך, און די זאַך פון אונטער אים, שטייט נישט אָפּ פון אים, און די זאַך, וואָס נ אָ ך א י ם פליט, הינטער זייַן קערפּער נאָכשוועבט···

דערזעען דאַן די קיילים אַף די בערג:

— און אַז דער פויגל אַלץ גרעסער און גרעסער ווערט, אַ טוך, אַ ווייַסזייַדענער, און ווי פון דער זון אַרויסגעבראַכט, פליט אים נאָך. און קיינער האַלט ניט דעם טוך, און נישט דער פויגל אין מויל טראָגט אים, נאָר אַליין און אין לופט זיך לופטלט און נאָהענט און נעבן פויגל האַלט זיך. צעוויקלט ער זיך און באַווייַזט זיך דאַן. און גרויס איז ער און פאָנענדיק צעוואַרפט זיך, און קיין פינטעלע און קיין שפּרייַנקעלע איז נישט צו זען אַף זייַן ווייַס־זייַדנקייַט. דערפרייען זיך מיט אים די קיילים און נאָך מער ווי מיט דעם פויגל דעם אַרויסקומענדיקן. און די סימכע זייערע אַ טאָפּלטע און אַ געצווייטע איז, און די פרייד זייערע שטאַרקט זיך זייער, און די קיילים דאַן אַ געשאַל אַרויסלאָזן און אַן אויסגעשריי אַ גרויסן:

— דער טוך! דער כופּעטוך!!

דערזעט דאָס דאַן דאָס פּיקסל. און ווי ס׳דערזעט דאָס אַלץ, עפנט דער פּאַלאַץ די ווענט זייַנע אויף, און פאַרשוואונדן ווערט די סטעליע, אָבער די שפּילערס און די זינגערס אַף זייערע ערטער און אַף זייערע פריערדיקע, אין זייער

think he perished

סיידער און אין זייער אויסגעשטעלטקייט שטייען, און אויך דאס פיל־פאלק בלייבט. בלייבט דארט דאן אלץ ווי געווען אפן ארט, און אויך די שטול, און אויך דער שטילער מאן, און אויך די ווארע די געמאכטע מיט די לייכטער און מיט די ליכט אין די הענט.

דערזעט דאס דאן אויך דער אוילאם, ווי דער פויגל קומט צו דער ערד אראפ, און דער טוך שוועבט אים נאך צו דער ערד, און זון אין הימל באלויכט זייער פליען, און זונען, וואס ארום דער זון, דאס פליען זייערס צו באלויכטן העלפן... האט שוין דער פויגל צום פלאך־ארט געענידערט, און אויך דער טוך נאך אים, און דער טוך אפן קאפ פון שטול און שטילן מאן פארשפרייט זיך, און א כופע און א פרימארגנדיקע בילדעס. שטייט שוין און שוועבט אף זיין קאפ די כופע, און דער שטילער מאן זיצט אונטער איר, און אלע קוקן אף אים בעשאס זיצן, און אלע זיין פאנים און אלע זיין שטיל דערהויבנקייט זעען. געדויערט עס א ווײַלע. דערהויבט זיך דאן דער שטול מיטן מאן מיט שטילן פון בריק אין דער לופט און אינדערהויך ארויף. און כופע פונאויבן, און אויך כופע דערהויבט זיך, און נאך דער כופע די ווארע די געמאכטע, און נאך דער ווארע דאס פיל־פאלק, און אונטער פיל־פאלק די שפילערס מיט די קיילים זייערע, און אלע. און נאך דעם פארויסשוועבנדיקן שטול דאן לאזן זיך, און פאר פריער און פארויס פאר אלע, דער פויגל, דער זיך אומקערנדיקער, פליט. גייען זיי דאן אין הימל און אין פרימארגן אויף, און זונען, וואס ארום דער זון, לאזן זיך פון זייערע ערטער אנטקעגן, די אנקומענדיקע צו באגעגענען. אליין נאר די זון, די שטענדיקע און די מיטלסדיקע, אף איר ארט דארט שטייט און אף דעם אנקומען און אויך דעם דערנענטערן־זיך פון די אויפגייענדיקע ווארט...

דערזעען דאס די קיילים און אינדערהויך און אף א קאל צעשאלן זיך, און אויך דאס פיל־פאלק באוועגלעך ווערט, און אויך דאס פיל־פאלק אין באוועגונג קומט, און דאס פיל־פאלק מיטאמאל די אויגן צו דער כופע דערהויבט, און אלע מיטאמאל, און אלע מיט איין אויסגעשריי צעלאזן זיך:

— מיילעך! מיילעך האמאשיאך!!

און מוזיק שאלט, און פיל־פאלק שרייט אויס מיט מוזיק, און ווארע די ליכט מיט די לייכטער טראגט, און כופע אף דעם שטול דארט שוועבט, און זונען קומען אנטקעגן אן, און מיט אלע אינאיינעם צו דער גרויסער מיט־זון דערהויבן זיך: —

— מיילעך! אונזער מיילעך דער מאשיאך! — —

* * *

אזוי זעט דאס פיקסל אין כורווע און אזוי זעען אלע די, וואס אונזערע כורוועס באפוילן, און דאס דערציילט מען צווישן מענטשן אצינד, און דאס דערציילט מען אויך ג י ש ט צווישן מענטשן.



ברידער און הייליקע מיינע! און אט איז די נאכט פארביי, און אט גייט דער טאג שוין אויף, לאמיר זשע איצט פון אונזער הייל ארויסגיין, און די ערשטע דעם טאג, און די ערשטע דאס ליכט אונזערס באגעגענען.

---

און ארויסגעגאנגען זיינען מיר דאן אלע פון הייל אף בארג און אף זיין שפיץ דערמאלט; און איך בין דאן אין דער מ י ט געווען, און ארום מיר די אלט־ און יונג־נעוויאים אלע, און מיר האבן זיך מיטן פאנים צום מיזרעך געשטעלט. און אויסגעזען האבן מיר דאן ווי שאליכים געשיקטע, אום פאר דער וועלט און פארן טאל דעם טאג און זיין אנקומען באגעגענען. און געפילט האבן מיר זיך ווי פון אל־ארומיקן אויסדערוויילט, אום די ערשטע דעם ליכטאנהייב צו בענטשן, און אום די ערשטע פון ליכט־זכוס צו זוכע זיין. האבן מיר זיך טאקע דערפילט פאר זוכע. האבן מיר די אויגן צו מיזרעך געהאלטן, און דערנאך און איינס מיטן אנדערן זיך איבערקוקן גענומען און זיך פארשטאנען, און אין יענער נאכט זיך פאראייניקט אף דעם פארשטאנד, און דאן האבן זיך שטיל אף די קני אראפגעלאזט, און איך האב דאן דאס ווארט גענומען און אזוי געזאגט פאר אלע:

— מיזרעך! מיזרעך!! דיין טאג גייט באלד אויף און אף די בערג ער געפינט אונז, און ליכט־דיין אונז זען וועט אין גרויסן אכראיעס. מיר ווייסן, וואס ווילן און נאך וואס מיר דא קניען, אויך ווייסן דאס גוטס, וואס ציסט אויס פון דיין טאגן, און לאנג זיך געהייליקט מיר האבן צו טאגן, און לאנג זיך געמיט ביזן איצטיגן אויפגיין. און יארן געוואגלט מיר האבן באנאכטן, און קימאט שוין פארגעסן דיין פאנים און אויסזען, און שטיל זיך געגערט נאר פיצעלעך שיינען, מיט ברעקעלעך־ברויז פון דיין ליכטיקן אפפאל, מיט קילבליכן גליק נאר פון שטערן־נעדאוועס; און ארעם געווארן מיר זיינען אין וואגלען, און מיינען געמיינט אז מער אונז גאר קומט נישט, גלייך קינדער נישט זיינען. קרוין־קינדער צו פאטער, צו מיזרעך־וועלטס־הארן, און צו מאמע־פרימארגן, און א טיש איז געגרייט דאך פאר קינדער באם פאטער — מאך גרייטן דיין טיש זשע איצט, הייליקער מיזרעך, מאך גרייטן דיין טיש אונז אף הויכע די בערג דא, און קום מיט דיין קרוין אונז אהער צו באדינען, מיט אלץ, וואס פארמאגסט, און מיט אלץ, וואס באהאלטן פאר קינדער דו [illegible] אין די פינסטערע צייטן, פאר קינדער געזאמלט — אצינד אינדערליכטיק, ארויסקום אצינד מיט דיין אלץ, וואס דיר הייליק — דו הייליקער מיזרעך! —

— אונזער הייליקער מיזרעך!

מיר האבן געמיט זיך! און איידעס אונז זיינען, אט זיינען די שטערן, וואס שטייען גאך הויך, און אט קאנען זיי זאגן, אין מאירעוו די לעצטע — און דו קאנסט בא זיי פרעגן: וואס האבן געטאן די אף בערג דא פארזאמלט, די איידע, וואס ליגט און וואס קניט איצט אף הויך דארט, צי האבן געווארט, און אף

וואָס, און אַף ווּעמען, צי האָבן געגלויבט, און צי וואָר זייער גלויבן — אָט זאָל, זיי זאָגן...

עס זאָגן די שטערן:

— יאָ, וואָר און ס'איז וואָר, ווי מיר באַלד פאַרגייען, ס'איז עמעס־באַגלויבטן ווי מיר באַלד נישט בלײַבן: געדינט האָבן נידער, ווי מיר דאָ די הויכן. די ערד און פון אונטן אין די פיסטערסטע פּאָסטנס, און שטיל־שיין געטראָגן און ליכטלעך־לאַמטערנעס, און יעדער פאַרשטעלט האָט זײַן ליכטעלע פייער, און יעדער געהיט עס פאַר ווינט און פאַרלעשן, באַנאַכט אינדערשטיל און געציטערט באַ פּאָלע, כאָלילע אָן דעם אינדערפינסטער נישט בלײַבן, און האָבן פאַרהיט עס און ציטריק געהאַלטן, ביז איצט און ביז הײַנט אין פאַרטאָגיקן קניען, און זכוסים געהאַט אַף ביז איצט עס דערטראָגן! נעם צו זשע עס הײַנט באַ זיי, היייליקער מיזרעך, נעם צו זשע עס איצט באַ זיי לעצטס און געציטערטס, און נעם עס אַרײַן אין דיין כעשבן פון פײַער, און צייל עס אַרײַן אין דײַן גרויס־פלאַם פאַררעכנט, און רעכן עס זיי פאַר קאָרבאָנעס־נעפאשעס — ווײַל שטערן מיר זײַנען, און איידעס מיר שטערן, אַז עמעס זיי זאָגן און וואָר זייער גלויבן, אַז עמעס און וואָר, און — אָמיין ווּעאָמיין.

מאָסקווע — מאַלאַכאָווקע, זומער 1920

גייענדיק

רעדן: דער נסתר, ל. קוויטקאָ, מ. ליפשיץ

בערלין. אידישע סעקציע בײַם קאָמיסאַריאַט פֿאַר

פֿאָלקסבילדונג 1923

—





## באַדכנס ערשטליד

אַזאַ כיילעוודיקער, אַזאַ בייכיקער,
מיט קורצע הענט און פיס,
און מיטן פיסק דעם שרייפלדיקן
זאָג איך פאַלש נעוויעס.

און מע טאָר מיך נישט שטראָפן,
און איך קען מיך נישט קעפן פאַר דעם,
ווייל מע הערט מיך נישט, ווייל מע ווייס מיך נישט,
און ווייל מע גלויבט, אַז וואָס איך זאָג איז עמעס.

דזשימזשע, שימשע,
גיי אַ טענצל,
ווי דיין מאַקע
שערעווענצלט,
גרינע גאַל און בלאָער מילץ,
כ'בין אַ העלזל אַ געפילטס.

כ'טו אַ פייף און טו אַ גרילץ,
קומען שטשורעס פון געהילץ,
יאָגן, יאָגן, בלייבן שטיין,
מיך, צי נײַן?
אָ, צו מיר, צו מיר אַליין.

אַף אַ שטול פון שפין־געשפין,
און אַ קרוין פון נעכטנטעג,
אַ שאַפּאָט פון גאַלן־גרין,
און אַ האַק פון שפייענקלעך,
און דער מיילעך מיטן קאַט
נאַרן זיך און שלאָגן בלאַט.
ציד צי לישקע, אום, צי גראָד,
דאָ — מעלוכע, דאָרט — שאַפּאָט.